בס"ד / שנה ו' / פרשת פנחס / נומער 319

# קעטל



- **די באדייט פון באקאנטע ראשי תיבות**
  גרשון קרעמער
- **א גרויס פון מחנה אילן החיים "להודות"**
  זומער נייעס
- **אנגעהויבן פראצעדור צו ברענגן שטאטישע וואסער צום בנין**
  אומאן נייעס
- **הלכות בין המצרים**
  דמו"ץ קרית ברסלב שליט"א
- **ווען וועט שוין משיח קומען?**
  בריוו פון ראש ישיבה שליט"א

**זיבעצן יאר**
צום גוטן
פון מחנה
היכל
הקודש
ברסלב

## טוב להודות להשם

בס"ד

פנחס
תשפ"ו

**נומער**
**319**
שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | שטעטל נייעס |
| **08** | אלץ און אלעמען |
| **12** | וועלטליכע נייעס |
| **14** | מעשה פון תפילה |
| **16** | א ווארט צוויי |
| **18** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **20** | פשרה'לאך |
| **22** | מעשה פון א צדיק |
| **23** | דעם רבינ'ס לעבן |
| **24** | היכל הלכה |
| **26** | גערדאנקען |
| **33** | געשעענישן |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וויס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקער פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

בעזהשי"ת

רענט קאמפיין

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

# מו"ה מרדכי היימליך הי"ו

# מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו

# מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו

פארן מנדב זיין

## פרנס החודש תמוז

DELICIOUS FISH Liberty, NY

KB GROUP property management and construction team

iSECURE LOW VOLTAGE TECHNOLOGY

די זכות פון ארויסהעלפן דעם היילינ'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע
יארן, מיט פיל נייעס דקדושה.

# שטעטל נייעס




## מחנה אילן החיים
## "להודות"
## אנגעהויבן דעם זומער

פארגאנגענעם מאנטאג פרשת פנחס האט זיך בעז"ה אנעהויבן דער נייער זומער-סעזאן אין מחנה אילן החיים ברסלב.

די קינדער קוקן שוין ארויס דערויף מיט גרויס שפאנונג א גאנץ יאר, נאך דעם געוואלדיגן סוקסעס פונעם פאריארדיגן זומער, ווען די קינדער זענען מורא'דיג געשטיגן אין תורה, יראת שמים און מידות טובות.

דער נאמען פונעם היי-יעריגן קעמפ איז "להודות", און ארום דעם וועלן זיך אלע אקטיוויטעטן דרייען. דער ראש המדריכים, המחנך הנפלא מו"ה יודל אייזהארן שליט"א, וועלכער וועט ווייטער בעז"ה אנפירן מיט די אקטיוויטעטן, איז אויפגעקומען מיט דעם געדאנק נאך א פערזענליכע איבערלעבעניש.

פאריאר נאך ראש השנה אין אומאן, איז ר' יודל געשטאנען ביים גרעניץ צווישן אוקראינע און פוילן פאר גאנצע צען שעה. עס איז געווען א שרעקליכע שטיפעניש פונעם ריזיגן עולם וואס איז אנגעקומען צום גרעניץ, פיל מער וויפיל די גרעניץ-וואך האט געקענט באהאנדלען, און דער מצב איז געווען גאר שווער און אנגעצויגן.

האבנדיג צייט צו טראכטן, האט ער זיך דערמאנט די תורה פונעם הייליגן רבי'ן, אז דורך דאנקען דעם אייבערשטן קען מען שפירן א טעם פון עולם הבא.

ער האט באשלאסן דארט אויפן ארט אנצוהייבן דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן און תיכף דעמאלטס האט זיך די ליין אנגעהויבן רוקן, ביז ער איז אריבער דעם גרעניץ בשלום. אזוי איז איס בייגעפאלן אז "להודות" איז א פאסיגע לימוד אריינצולייגן אין די קינדער דעם קומענדיגן זומער.

עס איז באקאנט אז קינדער קענען צומאל פיל מער קונה זיין בשעת'ן שפילן ווי ביי א שיעור אין חדר. דערפאר מאכט מען אין קעמפ אילן החיים זיכער בעז"ה אז די קעמפ פראגראמען און אקטיוויטעטן זאלן נישט זיין סתם "רויט קעגן גרין" און דורכשטיפן די צייט מיט נארישקייטן.

מען לייגט אריין דעם רבי'נס עצות אינאיינעם מיט'ן פארברענגען, און אפילו אינמיטן שפילן הערט מען ווי קינדער בעטן: "באשעפער, העלף אונזער טיעם זאל געווינען!"

דער קעמפ וועט זיין אויסגעשטעלט ווי א דעי קעמפ פאר קינדער פון כתה ד' און ארויף, סיי פאר די קינדער פונעם שטעטל און סיי פאר די קינדער פון שטאט. דער סדר היום וועט זיין אז אינדערפרי וועט פארקומען א המשך צום גאנץ-יעריגן חדר אונטערן איבערגעגעבענעם אויפזיכט פון די געטרייע מלמדים.

נאכמיטאג, נאכ'ן לערנען גמרא, חומש און משניות מיט די מלמדים, וועלן די שטאב מדריכים איבערנעמען מיט

גרשון קרעמער

אקטיוויטעטן, שווימען און געשמאקע פארברענגענס, אלעס אנגעפילט מיט אמונה און יראת שמים. נאך נאכטמאל, ארום 7:30, פארן די קינדער אהיים.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מען האט א געלונגענע שטאב פאר'ן קעמפ בראש פונעם ראש המדריכים: מו"ה יודל איינהארן שליט"א, און דער סגן ראש המדריכים: ר' יוסף אפעלבוים. דער לייף-גארד וועט זיין ר' שמשון כהנא. די מדריכים וועלן בעז"ה זיין: כתה ח' - ר' הערשי ברייער; כתה ז' - ר' שמעון ווידער; כתה ה'-ו' - ר' נחמן ברוך יאקאבאוויטש; און כתה ד' - ר' אלימלך עג'מי.

פאר די קלענערע קינדער פון כתה ג' און אראפ איז אהערגעשטעלט געווארן א באזונדערע און רייכע פראגראם, וואס וועט פארקומען אינעם גאנץ-יעריגן חדר בנין אויף טשעסטנאט סטריט.

די פראגראם וועט ווערן אנגעפירט דורך די איבערגעגעבענע מדריכים מו"ה מרדכי ראזענבערגער הי"ו און דער סגן מנהל מו"ה אלי' זעלקאוויטש הי"ו.

צוויי מאל א וואך וועלן די קינדער האבן די געלעגנהייט צו גיין שווימען, און די איבעריגע טעג וועלן זיי האבן שיינע און אינהאלטסרייכע אקטיוויטעטן ארום די ימים טובים.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן אויסנוצן די זומער טעג צו שטייגן בתורה ויראת שמים.

דא ברענגען מיר אראפ די קעמפ ניגון וואס איז געשריבן געווארן פארן היי יעריגן זומער

**קעמפ ניגון, געשריבן דורך מו"ה אליעזר זוסיא ווערטהיימער הי"ו, גבאי היכל הקודש לינדען**

א גאנצע יאר מיר בענקען שוין דא צו זיין

יעדער מיט א שמייכל, דאס פנים שיינט

כל הטוב אלעס גוטס, מיר האלטן זיך געשפאנט

מיר דאנקען דעם באשעפער גאר אסאך

מיר רעדן צום באשעפער אויף אונזער שפראך

אוי ווי שיין, אוי ווי גוט, דאס איז די רבינ'ס זאך

אה הא הא...

ווי מ'גייט ווי מ'שטייט א פריילעכקייט מ'שפירט

אין גן עדן מ'שפאצירט

איך דאנק, דאנק דיר השי"ת

חידושים נייע, ס'איז א מחיה

קיין איין מינוט פארפאסן טאר איך נישט

אלע קינדער פון להודות באחדות שיין מ'שפילט

צום אייבערשטן מ'צילט

איך דאנק, דאנק דיר השי"ת

איך דאנק ווען ס'איז גוט, איך דאנק ווען ס'איז שווער

באקום איך גוטע זאכן מער און מער

## ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!

# שטעטל נייעס




## נייע 'טעג' אפיס עפנט זיך בקרוב אין שטעטל

א בשורה טובה ווערט אין די טעג געמאלדן פאר די איינוואוינער פונעם שטעטל: נאך א לאנגע צייט ווארטן קומט ענדליך צו אן ענדע די פילע שוועריקייטן וואס מען האט געהאט ביים פילטערן די טעלעפאנען און קאמפיוטערס.

די גוטע נייעס איז אז די באקאנטע 'טעג' ארגאניזאציע עפנט אן אפיציעלן לאקאציע אינעם שטעטל, וואס וועט זיכער ברענגען א גרויסע הרחבת הדעת פארן גאנצן ציבור.

די פריידיגע נייעס איז געמאלדן געווארן אויף א ספעציעלן אינטערוויו וואס איז אפגעהאלטן געווארן אויף "קול ברסלב" צווישן דעם מנהל התלמוד תורה, הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א, און דעם מנהל הישיבה, הר"ר אברהם משה שטראסער שליט"א.

ווי דער מנהל ר' אברהם משה האט ארויסגעברענגט ביי די שמועס, פלעגט מען אים כסדר אפשטעלן און בעטן עצות אין דעם ענין.

די עיקר שוועריקייט איז געווען אז זייענדיג דא ווייט אין אפסטעיט, האט יעדע פשוט'ע געברויך פון פילטערן א פאון אדער א קאמפיוטער געפאדערט אסאך צייט און כוחות, און מען האט געדארפט מאכן לאנגע נסיעות קיין קרית יואל.

זייער אפט מאל נאכ'ן קויפן א נייע פאון, צי אנליין אדער ערגעץ אנדערש, איז עס געבליבן ליגן אין א זייט אומבאנוצט פאר א לאנגע צייט, פשוט ווייל עס איז געווען צו שווער אנצוקומען צו א פילטער סערוויס.

דער פראיעקט האט זיך אנגעהויבן בערך א יאר צוריק. ר' אברהם משה פארציילט אבער, אז ער האט אנגעהויבן ארבעטן דערויף מיט פיל מער ענערגיע ווען ס'איז לעצטנס געווארן די גרויסע איפוואכונג איבער עי-איי (AI), וואס דאס האט געברענגט פרישע שאלות פון עלטערן וועלכע סארט פאונס זענען אויסגעהאלטן.

מיט די הילף פון מו"ה יודל פעלדמאן הי"ו, וועלכער פלעגט ארבעטן פאר 'טעג' אין לעיקוואוד פאר ער האט זיך אריבערגעצויגן צום שטעטל, האט מען אנגעהויבן ארבעטן צו ברענגען 'טעג' אהער.

ער האט זיך א לאנגע צייט געמוטשעט צו קענען אויפסעטן א מיטינג מיט הרב גאטליעב שליט"א, דער גרינדער און פירער פון 'טעג', וועלכער איז א גאר פארנומענער מענטש. ענדליך דעם דאנערשטאג, פרשת חקת-בלק, איז פארגעקומען די אסיפה אינעם שטעטל. דער גרינדער פון טעג, הרב גאטליעב, איז פערזענליך אראפגעקומען אינאיינעם מיט זיין געהילף; די אסיפה מיט פילע פון אנשי שלומינו איז פארגעקומען אינעם שטוב פונעם חבר ההנהלה, מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו.

הרב גאטליעב האט ארויסגעברענגט זיין התפעלות פון די

גרשון קרעמער





ווארעמקייט פונעם ציבור אינעם שטעטל, וויאזוי דער עולם וויל עס און זוכט עס אליינס. צווישן אנדערע האט ער זיך אויסגעדרוקט: "אן א פילטער האסטו נישט קיין בחירה; 'טעג' איז דא פשוט דיר צוריקצוגעבן דיין בחירה."

ער האט צוגעגעבן אז עס איז אים א געוואליגע שמחה צו זען ווי אינעם שטעטל קומט דער פארלאנג פאר פילטערס פונעם ציבור אליינס, וועלכע הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און פארשטייען די וויכטיגקייט פון זיין אפגעהיטן, דעריבער איז נישטא קיין סיבה צו מאכן תקנות.

ס'איז באשלאסן געווארן ביים מיטינג אז ס'גייט זיך עפענען אן אפיציעלע 'טעג' אפיס דא אין שטעטל בעז"ה. מען שטעלט אויף א שיינע, מכובד'יגע לאקעישאן - נישט סתם א ווינקל אין ביהמ"ד אדער אין א בעיסמענט - נאר א געהעריגע סטאר וואס וועט זיין אפן מיט קלארע שעות, כדי ס'זאל זיין באקוועם און צוגענגליך פארן גאנצן ציבור.

ר' מרדכי אהרן נ"י האט ברייטהארציג מסכים געווען צוצושטעלן דעם לאקאציע ביי זיין פעקטארי, און מען האפט עס צו עפענען ממש בקרוב.

דער נייער צענטער וועט דינען סיי פאר פילטערינג און סיי פאר אינפארמאציע. מען וועט דארט בעז"ה קענען באקומען הדרכה און גוטע עצות נאך בעפארן קויפן א סעלפאון, א היים פאון, אדער אנדערע טעכנאלאגישע דיווייסעס; צו וויסן וועלכע כלי מען דארף פילטערן, וועלכע מען קען פילטערן, און וואס ס'איז די בעסטע לויטן מצב. דאס וועט בעז"ה שפארן אסאך אידיש געלט און פארמיידן עגמת נפש.

דער ראש ישיבה שליט"א, וועלכער האט שטארק געשטופט מען זאל עפענען דעם אפיס, האט זיך אויסגעדריקט מיט גרויס שמחה הערנדיג די נייעס.

מען ערוואַרטעט בקרוב צו הערן די בשורה אז דער אפיס איז שוין אינגאנצן אפן צום צופרידנהייט פונעם גאנצן ציבור.

**עיני כל אליך ישׂברו!**

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447




## ראשי תיבות

שאלה

וואלט איר אפשר געקענט מסביר זיין אסאך ווערטער וואס מען שרייבט? למשל: פארוואס שרייבט מען "לפרט קטן"? וואס מיינט שליט"א, שיחי', הי"ו, יצ"ו אדער עמו"ס? איך בין נישט זיכער צי איך האב גוט געשריבן די אלע ר"ת, אבער אויב איר קענט, ביטע מסביר זיין די אלע זאכן. יישר כח.

ענטפער

איך האב הנאה אז דו שטעלסט זיך אפ און דו טראכסט: "וואס שרייב איך דא?" לאמיר דורכגיין די אלע ראשי תיבות וואס האסט צוגעברענגט, און מיר וועלן ערקלערן מיט'ן אייבערשטנס הילף יעדע איינס באזונדער.

**לפרט קטן:** ווען מען שרייבט א יאר, ווערט מען אפטמאל שרייבן דערנאך "לפ"ק". "לפרט קטן" מיינט אויף אידיש "לויטן קליינעם חשבון". וואס איז דער "קליינער חשבון"? און אויב עס איז דא א קליינער חשבון, וואס איז דער "גרויסער חשבון"? לאמיר זען די אותיות פון דעם יאר תשפ"ו, וויפיל באטרעפט עס? 786. זענען מיר דען היינט אין יאר 786? ניין. היינט שטייען מיר אין יאר 5786.

אבער וויבאלד דער לעצטער אות פונעם אלף-בית "ת" באטרעפט בלויז 400, איז נישט פראקטיש צו שרייבן צען מאל "ת" נאכאנאנד כדי אנצוקומען צום גרויסן ציפער פון 5786; דעריבער שרייבט מען ה"א תשפ"ו (ה"א באדייט ה' אלפים - 5 טויזנט), אדער נאך קורצער: ה'תשפ"ו. אבער אפילו אויב מען שרייבט בלויז "תשפ"ו" איז עס אויך גוט, ווייל דער לייענער ווערט זיכער פארשטיין אז מען רעדט פונעם יעצטיגן אלף החמישי און נישט פון טויזנט יאר צוריק. אויב מען וויל זיין פונקטליך, שרייבט מען צו "לפ"ק" - לפרט קטן - ארויסצוברענגען אז מען רעכנט נישט אריין די "גרויסע" נומערן, דהיינו די טויזנטערס.

**שליט"א:** דאס זענען ראשי תיבות פון שיחיה לימים טובים ארוכים. דאס איז איינגעפירט צו שרייבן שליט"א נאכן נאמען פון א רב, א רבי, א ראש ישיבה, וכדומה. מען וואונטשט אים דערמיט א ברכה ער זאל לעבן לאנגע און געזונטע יארן.

**שיחי' / שתחי':** דאס איז אויך א ברכה און א תפילה צום אייבערשטן, אז דער מענטש פון וועמען מען רעדט זאל לעבן געזונטערהייט.

**הי"ו:** השם ישמרהו ויחייהו. דאס איז א ביסל א ווארעמערע ברכה אז דער אייבערשטער זאל היטן דעם מענטש און אים שענקען לעבן.

**יצ"ו:** יבנה ציון ועריה. דאס שרייבט מען נאך א שטאט; אז מיר בעטן דעם אייבערשטן ער זאל שוין אויפבויען ירושלים עיה"ק.

**עמו"ש:** ראשי תיבות עד מאה ועשרים שנה. דאס איז א וואונטש אז דער אייבערשטער זאל אים שענקען הונדערט און צוואנציג געזונטע יארן.

**בס"ד - בסייעתא דשמיא**



# דאס לעבנסגעשיכטע פון ר' אהרן וועבערמאן הי"ו

איך בין אנגעקומען צו מוהרא"ש איבער 20 יאר צוריק ווען מיין לעבן האט מיטאמאל אויפגעלאכטן אין אומצאליגע הינזיכטן. אפגעמאכט האב איך דאן אז מיר גייט אין לעבן צו שענקן נאך א איד'ס לעבנסגעשיכטע אזא גוטע ענדע. זאפארט בין איך ארויס פון מיין קאמפארט-זאון פאר אונזער מוסד און זיך קיינמאל צוריק אריינגעזעצט דערין.

# היכל הקודש נייעס

גרשון קרעמער



## שטאטישע וואסער ביים קאמפלעקס אין אומאן

אומאן - דער הייליגער ציון וואו דער הייליגער רבי האט אויסגעוועלט צו ליגן - איז א פלאץ וואס ברענגט ארויף שטארקע געגועים יעדעס מאל מ'דערמאנט דאס נאר. יעדער איד וואס האט נאר אמאל געהאט די זכיה צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה דארף שוין אפילו נישט קיין ראיות; מ'שפירט ממש ווי מ'קומט ארויס נאך ראש השנה מיט א פרישע התחדשות. "אני נהר המטהר מכל הכתמים", דער רבי וואשט אונז אפ, און מ'באקומט פרישע כוחות צו קענען לעבן מיט אמונה און שפירן דעם אויבערשטן.

אז מ'קומט צום רבי'ן, דארף מען דאך האבן אלע גשמיות'דיגע הצטרכות'ער אויכעט.

דער רבי האט זיך טאקע אויסגעדרוקט: "יא געגעסן, נישט געגעסן, יא געשלאפן, נישט געשלאפן, אבער צו מיר דארף מען קומען אויף ראש השנה", אבער פונדעסטוועגן מעג מען דאך אויך מקיים זיין דעם "יא געגעסן, יא געשלאפן, יא געדאווענט". דערפאר זענען די עוסקים במלאכת הקודש פארנומען א גאנץ יאר אויפצובויען און אויפהאלטן דעם קאמפלעקס, און עס צו פארגרעסערן און פארבעסערן לויט'ן געברויך.

עס קומט יעצט אריין פרישע און פריידיגע נייעס פון די הנהלה פונעם אומאן בנין, אז מען האט זיך אונטערגענומען א מאסיווען נייעם פראיעקט וואס גייט אפקאסטן אסטראנאמישע סכומים - ארום א פערטל מיליאן דאלער - מיטן ציל צו ברענגען שטאטישע וואסער דירעקט צום בנין. ביז היינט צו טאגס האט זיך דער בנין באנוצט מיט אייגענע קוועלער (וואסער-פאמפס), א זאך וואס אליין האט שוין אפגעקאסט ריזיגע געלטער דורכאויס די יארן.

כדי צו פארשטיין די וויכטיגקייט פון דעם שריט, דארף מען פארשטיין דעם מצב וואס האט געהערשט ביז יעצט און די שוועריקייטן וואס דאס האט מיטגעברענגט. ערשטנס, האבן די קוועלער נישט שטענדיג געקענט נאכקומען די נויטיגע קוואנטיטעט וואסער פארן עולם. יעדער געדענקט נאך די עגמת נפש אין די יארן ווען עס איז נישט געווען גענוג וואסער, וואס האט פאראורזאכט גרויסע שוועריקייטן.

די הנהלה לייגט צו, אז היות מען האלט יעצט ברוך השם אינמיטן בויען נאך א פרישן בנין, קען מען זיך מער נישט פארלאזן בלויז אויף די ביז-יעצטיגע קוועלער. און מיט א בליק אויף פאראויס איז קלאר אז זיך צו באהעפטן צום שטאטישן וואסער סיסטעם איז אן אבסאלוטער מוז.

די הנהלה מעלדט אז מען האט שוין געשיקט דעם דעפאזיט אנצוהייבן דעם פראיעקט. און מיר בעטן דעם אייבערשטן אז דער פרישער פראיעקט זאל זיך אויסארבעטן מיט מזל און ברכה, מען זאל עס קענען גרינג באצאלן, און עס זאל טאקע זיין דער ריכטיגער שריט צו האבן בעז"ה גענוג וואסער אויף ווייטער.

**אני נהר המטהר מכל הכתמים!**

POWERED BY:
אנשי חיל



# שכח ר' אהרן!!

י״ד - ט״ו אב

די דאטום ווען דיין 'לעבנסגעשיכטע' וועט אנהייבן אינספירירן.

## לעבנסגעשיכטע

צוואנציג יאר שפעטער און ר' אהרן'ס יארן הארעוואניע צאלט זיך אויס, און נאך ווי.
איך מיט מיין גאנצע משפחתא זענען אריינגעטשעקט אן רבינ'ס חיים טובים, בזכותו.
וויפיל גיי איך קאמפיינען היי יאר פאר די קומענדיגע מיך?

# וועלטעלע

וועלטליכע נייעס מיט די ברסלב'ע טעם

גרשון קרעמער



## צוויי נייע סופרים קאורט אורטיילן איבער אימיגראציע

פאראגאנגענעם דאנערשטאג פרשת חקת-בלק, האט דער סופרים קאורט ארויסגעגעבן צוויי וויכטיגע אורטיילן איבער אימיגראציע, ביידע מיט א מערהייט פון 6 קעגן 3 ריכטער. די אורטיילן זענען גרויסע זיגן פאר די טראמפ אדמיניסטראציע'ס פאליסיס איבער אימיגראציע.

דער ערשטער קעיס באהאנדלט די TPS פראגראם (Temporary Protected Status), וואס ערלויבט מענטשן פון לענדער וואס גייען דורך מלחמות אדער אנדערע קאטאסטראפעס צו בלייבן לעגאל אין אמעריקע פאר א געוויסע צייט. די טראמפ אדמיניסטראציע האט געוואלט ענדיגן דעם פראגראם, וואס וואלט באדייט אז הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען אין א געפאר פון דעפארטאציע. נידעריגערע געריכטן האבן דאס פרובירט אפצושטעלן, אבער דער סופרים קאורט האט היינט באשלאסן אז דער דעפארטמענט אוו האומלענד סעקיוריטי האט די פולע אויטאריטעט עס אפצושטעלן, און די געריכטן קענען זיך נישט ארייננמישן.

דער צווייטער קעיס איז איבער מענטשן וואס קומען אן צום גרעניץ און בעטן ארייצוקומען אלס פליטים (אסיילום זוכער), זאגנדיג אז זיי אנטלויפן פון א סכנה אין זייער לאנד. לויטן געזעץ, אויב א מענטש קומט אן קיין אמעריקע, קען ער בעטן "אסיילום". אבער די רעגירונג האט געטוישט די פאליסי און זיי געהייסןווארטן אין מעקסיקאו; זיי קענען נאר אריינקומען נאכדעם וואס זיי האבן אריינגעגעבן פאפירן פון דארט און עס איז געווארן באשטעטיגט. דער סופרים קאורט האט היינט גע'פסק'נט אז די רעגירונג מעג עס טון.

מען וואלט אפשר געקענט דעבאטירן צי עס איז ריכטיג און יושר'דיג, אבער דאס וועט אונז גארנישט העלפן. עס איז טאקע פאסיג מתפלל צו זיין פאר יעדן איד וואס האט אימיגראציע שוועריקייטן אין די יעצטיגע טעג, אז אלעס זאל זיך פאר זיי אויסארבעטן אויפ'ן בעסטן אופן, אבער וואס איז דאס נוגע פאר אונזער טאג-טעגליכן לעבן?

אויב מיר טראכטן אריין, זענען מיר אלע פליטים. מיר אנטלויפן פון רדיפות און פון סכנות; מיר זענען אלע "אסיילום זוכער". מיר קומען צום אייבערשטן, וועלכער נעמט אריין יעדן פליט!

דער יצר הרע לאזט דיר נישט אפ? עס וועט דיר גארנישט העלפן צו אנטלויפן צו אן אנדער לאנד, ווייל דער סמ"ך מ"ם לאזט נישט נאך. די עצה איז: אנטלויף צום אויבערשטן, בעט אים ער זאל דיר אננעמען און דיר געבן שוץ.

מיר דארפן נישט ווארטן אין מעקסיקאו אז מען זאל אונז דורכלאזן; די טויערן פון הימל זענען אייביג ברייט אפן, פיר און צוואנציג שעה א טאג.

לאמיר מאכן זיכער אז אונזער אמת'ע 'סטאטוס' אויבן אין הימל איז שטארק, דורך זיך האלטן פעסט מיט רצון, תפילה, און מעשים טובים!

# די מנהל רופט דיך!






# מעשיות פון תפילה



**אבא חייא רייזמאן** | בני ברק

דאנערשטאג נאכט, נאכן ענדיגן רייניגן די שטוב לכבוד שבת, האט פלוצלינג די עירקאנדישן אנגעהויבן צו שפריצן וואסער. איך האב אויסגעלאשן די עירקאנדישן, געעפנט דעם דעקל, און איך זע אז עס איז אינגאנצן פארפרוירן און באדעקט מיט א דיקע שיכט אייז. איך האב אנגערופן מיין ברודער, וואס פאררעכט עירקאנדישענס, און ער זאגט מיר אז מסתמא פעלט "געז".

למעשה האלט איך שוין דא שפעט דאנערשטאג נאכט; מארגן אינדערפרי גיי איך אין חדר און איך קום צוריק ערשט צוויי אזייגער, ווען וועל איך האבן צייט זיך פאערען מיט דעם?

ביזדערווייל זאגט מיר מיין ווייב אז די עירקאנדישן האט היינט געארבעט פון אינדערפרי ביז ביינאכט אן אויפהער. האב איך געטראכט אז שבת וועלן מיר אנשטעלן די עירקאנדישן אויף א העכערע טעמפעראטור, און אויך וועלן מיר נוצן א שבת-זייגער עס זאל זיך אויסלעשן יעדע האלבע שעה. אזוי ארום וועט די עירקאנדישן זיך נישט אזוי איבערשטרענגען, און מיטן אייבערשטנס הילף וועט דאס דורך גיין דורכגיין בשלום.

למעשה בין איך ארויס פון שטוב ערב שבת גאר פרי, און איך כאפ זיך פלוצלינג אין שול אז די עירקאנדישן ארבעט פעסט אן קיין שבת-זייגער; איך האב פשוט פארגעסן אנצושטעלן דעם שבת-זייגער. דאס איז א זאך וואס קען פאסירן, אבער נישט אין אזא שבת ווען די גאנצע עירקאנדישן הענגט אויף א האר. איך האב שוין געטראכט אז איך קום אהיים און די גאנצע שבת'דיגע שטוב איז פארפלייצט מיט וואסער.

איך קום אהיים און איך זע אז ביזדערווייל איז אלעס בסדר. דא איז אריינגעקומען די כח התפילה.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, מאך א נס למעלה דרך הטבע, אז אפילו אויב די עירקאנדישן וועט ברענען יעצט 24 שעה זאל איר גארנישט פאסירן, און זי זאל פיין קאלט מאכן א גאנץ שבת, כדי מיר זאלן קענען פראווען פרייליכע סעודות מיט א גוטע שטימונג."

איך האב צוגעלייגט אז מיט'ן אייבערשטנס הילף, אויב די מעשה פון די תפילה וועט ארבעטן, וועל איך דאס אריינלייגן אין בלעטל.

וואונדער איבער וואונדער! די עירקאנדישן האט פעסט געארבעט א גאנץ שבת, עס האט גארנישט גערינען קיין וואסער דערפון, און עס האט פיין קאלט געמאכט - אזוי גוט, אז מיין טאכטער האט שוין געדארפט אנטאן א סוועטער פון די קעלט.




# טאטי קומט שוין!



# א ווארט צווייי

שיקט אריין אייער ווארט צווי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

## א טעג'ליכע בחירה

**א מענטש וואס האט א פילטער אויף זיין סעלפאון האט ער די בחירה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, און אונזער פליכט איז בוחר צו זיין בטוב, וואודעראום א מענטש וואס האט נישט קיין פילטער רח"ל, האט ער נישט קיין בחירה בכלל. די טעג ארגאניזאציע איז דא צוריקצוגעבן די בחירה."**

**הרב גאליעב** - גרינדער און פירער פון די בארימטע טעג ארגאניזאציע ביים מיטינג אין קרית ברסלב מיטן ועד הרבנים און ועד בעלי בתים צום פארלאנג צו עפענען א טעג לאקאציע אין שטעטל

## די גאלדענע אימעדזש זאל זיך ווייטער ציען

**א חבר מיינער האט מיר דערציילט זיינע קאשמארן ווען ער דערמאנט זיך ווי סך הכל וואס זיין טאטע האט פארלאנגט פון אים איז געווען אז די אימעדזש זאל נישט שמוציג ווערן, נישט קעירנדיג זיין יראת שמים אדער עבודת השם שטאפלען, ווי דאס לעצטע וואונטש פון זיין טאטן זאל זיין געזונט פאר זיין ערשטע טאג אין ישיבה קטנה איז געווען "שיק מיר נחת און מאך מיר נישט קיין בושות"**

איינע פון די מקשיבי הדף שיעור א' פינחס תשפ"ו, ווי דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון מחנך זיין די קינדער אז זיי דינען דעם אייבערשטן און נישט די גאס

על דא ועל דארט

## איי איי דעקאנטרע

שטורמישער פאסירונג איז פארגעקומען פארלאפענעם זונטאג אין איינע פון די "באגעבו-קאנטרי'ס", וואס באדייט ווארשיינליך די וואס האלטן אן די מסורה נישט אפצוטרעטן קיין זוז כל שהו פון דאס וואס מיר האבן געזען ביי אונזערע שכנים.

א איד טוט נישט וואס ער וויל, א איד טוט וואס איז ריכטיג. נו, וואס איז ריכטיג? וואס דערוילעם טוט. אז דער שכן האט זיך איינגעהאנדלט דעם נייעם פורניטשער סעט פארן פארטש וואס שטייען ארום דעם גריל איר צו באוואכן מיט זייערע געפלאכטענע שטרויענע זאנגען מיטן געקעסטלטן קישעלע וואס זיצט אויף איר מיט שטאלץ - ליגט אויפן שכנה א פליכט עס צו קויפן. ושכנה דשכנה אית ליה.

אונזער נייעס'ל איז פארגעקומען אין אט אזא קאנטרי, אום זונטאג נאכמיטאג ווען אלע אינגעלייט האלטן אינמיטן העלפן דאס ווייב אהערשטעלן נאכטמאל. א גריל. פלוצם האט אריינגעשטורעמט נישט קיין צווייטער ווי עימעקס, יא אונזער יוגנט-פיינט עמעריקן עקספרעס, און זיי רופן זיך אן: "געבט אהער ענקערע פליישן, די פורניטשער סעט, און אייער באנגעפאלאץ אויכעט. וויבאלד אלעס באלאנגט דערווייל פאר אונז."

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט:

## לאכן פון א איד

"מען טאר נישט לאכן פון א איד, ווער עס לאכט פון א איד איז אזוויי ער לאכט פונעם אייבערשטן."

שיעור סידור לפני שחרית שבת קודש פרשת חק"ב

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

## כתה חלף

שו"ב הרב בנימין קליינמאן שליט"א ביים בודק זיין דעם חלף פון שוחט בבית השחיטה קרית ברסלב ר' רפאל פורסט נאכן חומש סעודה פון אן אייניקל אין תלמוד תורה קרית ברסלב



א בילד צווי



## קישן של אליהו

נייע קישן לכבוד כסא של אליהו זכור לטוב אין ביהמ"ד האשקי, נתנדב דורך ר' יענקי פיש פון די "קאסטום שאורום" פירמע

פריערדיגע

## "ליקוטי מוהר"ן איז מיין שבת ספר."

- צאנז'ער רב, דער הייליגער דברי חיים זי"ע

גוטזאגער

## "דאס לעבן איז ווי א פיענא, פארהאן ווייסע טעג, און אויך שווארצע. אויב אבער ווייסטו וויאזוי צו שפילן איז עס א הערליכע ניגון."

# װען װעט שױן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן, אָבֶּער מֶער פוּן אַלֶעם הָאבּ אִיךְ אֵיין גְרוֹיסֶע שְׁאֵלָה; וִוי לַאנְג נָאךְ װֶעלְן מִיר זִיךְ מוּטְשֶׁען אִין דֶעם בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן רוּחְנִיוּת'דִיגְן גָלוּת? װֶען קוּמְט שׁוֹין מָשִׁיחַ אוּן עֶס װֶעט שׁוֹין זַיין וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵעָה אֶת ה'?

עֶס װֶערְט שְׁוֶוערֶער אוּן שְׁוֶוערֶער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִי דוֹרוֹת פַאלְן מִיט אַזַא שְׁנֶעלֶע טֶעמְפָּא, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן וִוי פְלִיגְן, נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן גֶעזָאגְט: "יֵיתֵי וְלֹא אַחְמִינֵיה", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיטְהַאלְטְן דִי בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ וַוייל עֶר הָאט גֶעוִויסְט וִוי שְׁלֶעכְט דֶער דוֹר װֶעט דֶעמָאלְט אוֹיסְזֶען.

מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, פַארְוָואס זָאל מֶען אָבֶּער נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי װֶעלְט אַז אִידְן זָאלְן אַיינְרַייסְן אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, וָואס דֶעמָאלְט װֶעט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ גֶעהָאלְפְן װֶערְן מִיט אַלֶעס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

װֶער רֶעדְט נִישְׁט פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ? אַלֶעס וָואס מִיר רֶעדְן אוּן



## א בריוו פון דער ראש ישיבה

### עצתו אמונה פנחס תשע"ט

מִיר טוּעֶן אִיז נָאר כְּדַאי מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן גָלוּת.

אַז דוּ ווִילְסְט טוּן עֶפֶּעס פַאר בִּיאַת מָשִׁיחַ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה ז, ג): **"אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת"**, מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשׂכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (חוֹדֶשׁ תַּמּוּז אָב - מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמּוּז אָב, מַאֲמָר ב): **"סַךְ כָּל הַשָּׁעוֹת מִן הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח"**, דִי שָׁעוֹת פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז סַךְ הַכֹּל פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג, **"עַל כֵּן יֶשׁ בַּמִּשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים מִנְיַן מַפְתֵּ"חַ"**, דֶערְפַאר אִיז דָא אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג פְּרָקִים, **"כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְּאֻלָּה"**, וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל מִיר זָאלְן דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת הַמִּשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, **"וּכְשֶׁמְּדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִּינוּ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם"**, אוּן וֶוען מֶען חַזֶר'ט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט גֶעעֶפְנְט דִי פַארְמַאכְטְקֵייט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ ח, י): **"'גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לָשׁוֹן מַתְנִיתִין"**, 'יִתְנוּ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁנַיוֹת, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִין גָלוּת, "עַתָּה אֲקַבְּצֵם", וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ הָאבְן אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; הֵייבּ אָן שׁוֹין לֶעבְן מִיט דֶעם לִימוּד וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעם לִימוּד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ב): **"עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה"**, מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער וֶועט זַיין תְּפִילָה, **"וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבּוּשׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ - הַכֹּל מִשָּׁם"**, אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען וֶועט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה; מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְן אִים. מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): **"כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"**; אוּן יֶעדֶער וֶועט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נב, ח): **"כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן"**.

אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר רֶעדְן אִיז פוּן דִי לִימוּדִים וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): **"צְווִישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה אוּן יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה"**; דָאס טוּט שׁוֹין דֶער רֶבִּי יֶעצְט מִיט אוּנְז, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אוּן אוּנְז אַזַא גֶעטְלִיכְקֵייט אוּן אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַז מִיר שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְן אוּנְז. אוּן אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט עֶר אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן הֵייבְּט אָן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אַ גוּטֶער חַבֶר, - אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ. בַּיי אִים וֶוערְט מְקוּיָּם דָאס וָואס שְׁטֵייט (וַיִקְרָא כו, יב): **"וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם, וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי לְעָם"**, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: **"אֲטַיֵּיל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאַחַד מִכֶּם וְלֹא תִּהְיוּ מִזְדַּעְזְעִים מִמֶּנִּי"**, מֶען שְׁפַּאצִירְט כַּבְיָכוֹל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט צוּ אִים שְׁפַּאצִירְנְדִיג, אַה! מַמָּשׁ גַן עֵדֶן אַלֵיינְס!

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין זִיסֶערֶע זַאךְ ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְן אִים; עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס אִיז מְלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ אוּן עֶר רֶעדְט מִיט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פָּנִים אֶל פָּנִים. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים לְעוֹלָם הַבָּא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע ווֶעגְן.**



# פּשרהלאָז!

**אין קורצן פון פריער:** ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.

פייערט פאר קדושת שבת. מאכט חתונה די קינדער צו ערליכע מענער. שטעלט אויף גרויסע תלמידים.

ער האט געהאלפן ביי די ישיבה פון זיין שווער הרב אנדראן ז"ל .

איין טאג איז ער אריינגעקומען אין ישיבה און געזען אן עלטערע אידענע זיצן אין א ווינקל און וויינען. ר' יעקב יוסף האט געפרעגט דעם מנהל וואס דא גייט פאר, און דער מנהל האט אים דערציילט אז די פרוי קומט יעדן טאג בעטן מען זאל אריינעמען איר אייניקל אין ישיבה.

די פראבלעם איז אבער, אז דאס אייניקל קען אפילו נישט קיין צורת האות און ער איז שוין צוועלף יאר אלט. "איז וואס טוט מען דא?" האט דער מנהל געפרעגט, "מען קען אים דאך נישט אריינשטעלן אין כיתה א', ממילא קען מען נישט העלפן די אלטע פרומע באבע."

ר' יעקב יוסף, וועלכער האט קיין איין נשמה נישט פארנאכלעסיגט, האט אריינגערופן די עלטערע פרוי אין אפיס און איר אויסגעהערט.

**און יעצט ליינט ווייטער.**

די אלטע אידענע האט אויסגערעדט איר צובראכן הארץ און דערציילט פאר רבי יעקב יוסף: "אין א יאר ארום האט מיין אייניקל בר מצוה, אבער ווי קען ער עולה זיין אויב ער קען ניטאמאל מאכן א ברכה און ער קען נישט קיין א-ב? איך האב נישט קיין געלט צו צאלן אז איינער זאל אים לערנען, אבער די זארג אז איך וועל האבן אן אייניקל וואס קען נישט קיין אות אחת, לאזט מיר נישט שלאפן ביינאכט."

ר' יעקב יוסף האט איר בארואיגט און געטרייסט, און צוגעזאגט אז ער אליין וועט זיך אפגעבן מיט אים און זארגן ווי פאר אן אייגן קינד.

די פרוי איז געווען איבערגליקליך און איז אהיים מיט לויב און דאנק צום באשעפער פארן נס.

ר' יעקב יוסף האט ווירקליך געהאלטן ווארט און אנגעהויבן לערנען מיט דעם קינד אלע יסודות פון אידישקייט. עקסטער האט ער באצאלט פון זיין אייגן (ארימען) טאש פאר א פריוואטן מלמד ער זאל אים לערנען א-ב און עברי.

זעקס חדשים שפעטער איז דאס קינד שוין געווען גרייט אריינצוגיין אין זיין יארגאנג אין ישיבה.

צו זיין בר מצוה האט ער עולה געווען און זיך געזעצט לערנען מיט פלייס.

דאס קינד איז אויסגעוואקסן אן ערליכער איד און איז געבליבן בין כתלי בית המדרש כל ימי חייו.

**איין שמועס ראטעוועט דורות**

איין טאג האט א צובראכענע פרוי אנגעקלאפט אין די טיר פון משפחת הערמאן. ווען מרת הערמאן האט געעפנט די טיר, האט די פרוי געפרעגט צי זי קען אפשר רעדן איבער א וויכטיגן ענין מיט ר' יעקב יוסף.

"קומט אריין, און ווי נאר ער וועט אהיימקומען וועט איר קענען רעדן מיט אים." איידל האט צוגעגרייט, ווי איר



## ת. מאנן 24

שטייגער, עפעס צו עסן און טרינקען און געשמועסט מיט דער פרוי ביז איר מאן איז אהיימגעקומען.

ווען ר' יעקב יוסף איז אהיימגעקומען, איז די פרוי גלייך צוגעטראטן צום ענין.

"איך בין אן אלמנה און איך האב איין איינציג קינד. ער איז שוין באלד צוואנציג יאר אלט און ער שפייזט אונז. ער האט א פיינעם פאסטן, אבער ליידער פארלאנגט זיין בעל הבית אז ער זאל ארבעטן שבתים און ימים טובים.

איך ווייס נישט וואס צו טון; איך דארף וויכטיג דאס געלט צום לעבן, אבער איך וויל דאך אז מיין זון זאל בלייבן א איד."

דערביי האט זי אויסגעשאסן אין אן אומבאהערשטן געוויין. זי האט געוויינט אויפ'ן גלות אמעריקע, וואס פארשוועמט די אידישע בירגער אין א געיעג נאך געלט.

די ווענט האבן מיטגעוויינט. איידל הערמאן האט איר ארומגעכאפט און בארואיגט: "זארגט נישט, דער אייבערשטער וועט העלפן און מיר וועלן אייך שטיין צו דער האנט."

ר' יעקב יוסף האט איר געבעטן: "איך וויל ווי שנעלער רעדן מיט אייער זון."

דעם קומענדיגן טאג איז די אלמנה געקומען מיט איר זון, מארטין. ר' יעקב יוסף האט געשמועסט מיט אים א שטיק צייט און אים מסביר געווען די קדושת השבת, און אז די תורה לאזט נישט ארבעטן אום שבת.

"אבער וואס זאל איך טון? איך וועל דאך בלייבן אן אן ארבעט."

"זארג נישט," האט ר' יעקב יוסף אים בארואיגט, "דער בעל הבית וועט דיר נישט פארלאזן."

דעם קומענדיגן טאג האט מארטין געמאלדן פאר זיין (ליידער אידישן) בעל הבית אז ער וועט מער נישט ארבעטן שבת און יום טוב. דער בעל הבית איז געווארן זייער פארלוירן, ווייל עס איז דאן געווען א פארנומענע צייט אין די ביזנעס און ער האט געמוזט האבן מארטין אין געשעפט.

"אפשר ווארט נאר צו ביז די פארנומענע סעזאן גייט אריבער," האט ער זיך געבעטן.

מארטין האט אבער זייער פעסט און איידל געזאגט אז ער וועט מער נישט פארשוועכן דעם שבת קודש.

ווען דער בעל הבית האט געזען אז מארטין וועט זיך נישט ברעכן, האט ער זיך געבראכן.

זייענדיג אן אנשטענדיגער ארבעטער, האט ער מסכים געווען אים צו האלטן טראצדעם וואס ער היט יא שבת.

א שטיק צייט שפעטער איז מארטין געקומען דערציילן פאר ר' יעקב יוסף אז מען טראגט אים אן א שידוך, אבער דאס מיידל איז נישט קיין שומר תורה ומצוות. ר' יעקב יוסף האט אים געבעטן צו ברענגען דאס מיידל צו אים אהיים, און נאך א קורצע שמועס האבן זיי געזען אז דאס מיידל איז גאר אן איידעלע און ערליכע, נאר נעבעך א תינוקת שנשבתה וואס ווייסט נישט פון אידישקייט צו זאגן.

איידל האט מיט געדולד איר געלערנט די יסודות, און דאס מיידל האט אלעס אויפגענומען מיט א מורא'דיגן דורשט און געזאגט אז זי וויל אננעמען אלע הלכות וואס א איד דארף טון.

א שטיק צייט שפעטער איז פארגעקומען אן ערליכע חתונה, צו די פרייד פון די ארימע אלמנה.

דאס פארפאלק האט אויפגעשטעלט א דור פון ערליכע אידן און יראי שמים.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## מגולגל אין א פראש

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו פלעגט יעדן טאג גיין אין וואלד זיך מתבודד זיין.

איינמאל איז דער הייליגער בעל שם טוב אריין אין וואלד זיך אויסצושמועסן זיין הארץ פארן הייליגן באשעפער. ער האט גערעדט און געזונגען שירות ותשבחות מיט א מורא'דיגע דביקות. אזוי איז עס אנגעגאנגען אסאך אסאך שעות, צוביסליך איז ער אריינגעגאנגען טיפער און טיפער אינעם וואלד.

ווען ער האט שוין געוואלט צוריקגיין, האט דער הייליגער בעל שם טוב נישט געזען דעם וועג ארויס; ער האט זיך פארבלאנדזשעט. אבער ביים הייליגן בעל שם טוב איז נישט געווען אזא זאך ווי "פארבלאנדזשעט" פערצופאל, נאר ער האט געוויסט אז עס איז דא א פונקטליכע סיבה און א חשבון פאר אזא געשעעניש.

עס איז אדורך א לאנגע צייט, און ער האט געטראכט צו זיך: וואס טוט מען דא? וואס איז די סיבה אז דער אייבערשטער האט מיר דא געשיקט? פלוצלינג זעט דער הייליגער בעל שם טוב א קליינעם טייך אינעם וואלד, און אינעם טייך געפינט זיך א גאר גרויסע צפרדע - א ריזיגע פראש וואס מען זעט נישט אזאנס אין א באוואוינטן ישוב. די פראש האט געקוויטשעט און געשריגן מיט גאר הויכע קולות.

וויבאלד דער הייליגער בעל שם טוב האט געקענט די שפראך פון חיות און עופות, האט ער געהערט ווי די פראש שרייט און בעט זיך: "רבי, גיב מיר א תיקון!" האט דער הייליגער בעל שם טוב געפרעגט די צפרדע: "מיט וואס האסטו זיך פארזינדיגט, אז דו ביסט מגולגל געווארן אין א פראש?" האט די פראש געענטפערט: "איך בין געווען א גרויסער תלמיד חכם מיט אכט הונדערט יאר צוריק, אבער איך האב זייער מזלזל געווען אין די מצוה פון נטילת ידים. נישט נאר האב איך מזלזל געווען דערין, נאר איך פלעג אויך ליצנות מאכן פון די מצוה. נאך מער פון דעם, איך בין געווען א חוטא ומחטיא את הרבים; איך פלעג האלטן פילע דרשות קעגן די מצוה פון נטילת ידים. צוליב דעם איז מיין עונש געווען צו נתגלגל ווערן אין א פראש, אין א פארווארפן ארט אויף דער וועלט וואו קיין מענטשן געפינען זיך נישט, איך געפין זיך דא שוין הונדערטער יארן און איך האב נישט קיין מנוחה; איך ווארט אויף א תיקון".

האט דער הייליגער בעל שם טוב אים געפרעגט: "איך פארשטיי נישט, עס האט זיך דאך געפונען אויף דער וועלט אין יענע צייט דער הייליגער אריז"ל, פארוואס ביסטו נישט געגאנגען צו אים נאך א תיקון?"

האט די צפרדע געענטפערט: "איך האב אלעמאל פרובירט אנצוקומען צו אים, אבער עס איז מיר נישט געלונגען. איך האב זיך נאר אלס טיפער און טיפער פארבלאנדזשעט אינעם וואלד. איך זיץ דא און איך האב גרויס צער; אוי רבי, העלף מיר און געב מיר א תיקון!"

דער הייליגער בעל שם טוב האט זיך מתבודד געווען, און דערנאך האט ער גענומען וואסער פונעם טייך, געמאכט א ברכה 'שהכל' און געטרונקען. נאכדעם האט דער הייליגער בעל שם טוב געוואשן זיינע הענט אויף דער צפרדע, און די פראש איז געשטארבן. אזוי האט ער האט באקומען זיין תיקון.

האט מוהרא"ש אויסגעפירט: זעט מען פון דא ווי שטארק מען דארף זיין געווארענט ביים וואשן די הענט נטילת ידים, סיי ווען מען שטייט אויף אינדערפרי און סיי פארן דאווענען. אזוי אויך נאכן גיין אין בית הכסא זאל מען זיך וואשן דווקא מיט א כלי, און פארן עסן זאל מען זיך וואשן די הענט מיט א כלי; דורך דעם ווערט מען ריין סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

אזוי אויך זעט מען אז מען טאר נישט אפלאכן און חוזק מאכן פון קיין שום מצוה, אלעס איז זייער חשוב און הייליג.

*שיחות מוהרא"ש חלק ב' ערך נטילת ידים*



דעם הייליגן רבינ'ס

# לעבנסגעשיכטע

קס"ו

## פאַרזעצונג פון פריער:

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר רֶבִּי נָתָן אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר הַנִּשְׂרָף, אוּן אִינְמִיטְן הָאט דֶער רֶבִּי אִים אִיבֶּערְגֶעהַאקְט עֶטְלִיכֶע מָאל. דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעלָאזְט דְרוּקְן, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "דֶער עֶרְשְׁטֶער סֵפֶר", אוּן דֶער "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל פַארְבְּרֶענֶען וֶוערְט גֶערוּפְן "דֶער צְוֵוייטֶער סֵפֶר". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער גֶעהַאט נָאךְ אַ דְרִיטֶער סֵפֶר, דָאס רוּפְט מֶען דֶער "סֵפֶר הַגָּנוּז", אַ בַּאהַאלְטֶענֶער סֵפֶר וָואס קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען.

נָאךְ פֶּסַח אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל אִים שִׁיקְן מִיט אַ שְׁלִיחוּת צוּ ר' יְהוֹשֻׁעַ פוּן זוּרִין, עֶר זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ כְּתַב מִיט הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד קָדְשׁוֹ, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען אַז ר' יְהוֹשֻׁעַ דַארְף שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעם כְּתַב פַאר ר' יְהוֹשֻׁעַ, אַז עֶר זָאל זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ דִי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, אוּן דָאס וֶועט אִים זַיין אַ טוֹבָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר דוּרְךְ דִי שֵׁמוֹת קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ זַיין פְּטִירָה. אוּן אוֹיךְ זָאל עֶר אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל יֶעדְן טָאג טְרַאכְטְן פוּן רֶבִּי'ן, בִּיז צוּם טָאג וֶוען עֶר וֶועט נִסְתַּלֵק וֶוערְן.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ בֶּאֱמֶת נָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּם עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן דֶעם יָאר.

דֶער ר' יְהוֹשֻׁעַ אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק דָבוּק אוּן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן מִיט זַיין קְוִויטְל, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶעמָאלְט רֶבִּי נָתָן גֶעזֶען וִוי דִי קְוִויטְל פוּן ר' יְהוֹשֻׁעַ פוּן זוּרִין לִיגְט אוּנְטֶערְ'ן טִישׁ.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיף וֶועמֶען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זֵיי וֶועלְן נִסְתַּלֵק וֶוערְן אִין יֶענֶעם יָאר, פְלֶעגְט עֶר אַרָאפְּוַוארְפְן זֵייעֶר קְוִויטְל פוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּנְטֶערְ'ן טִישׁ.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם דִי גַאנְצֶע צַייט, בִּיז יֶעצְט וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶעם שְׁלִיחוּת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם צֶעטְל אוּן גֶעפָארְן צוּ ר' יְהוֹשֻׁעַ, אוּן אוֹיפְ'ן גַאנְצְן וֶועג הָאט רֶבִּי נָתָן אַלֵיין זִיךְ אֵיינְגֶע'חַזְרְ'ט דִי שֵׁמוֹת, אַז עֶר זָאל עֶס אוֹיךְ גוּט גֶעדֶענְקֶען, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ זַיין פְּטִירָה.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ ר' יְהוֹשֻׁעַ הָאט עֶר אִים אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, ר' יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ טַאקֶע אֵיינְגֶע'חַזְרְ'ט דִי אַלֶע שֵׁמוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

גְלַייךְ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען.

רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אַיינְצוּ'חַזְרְ'ן דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר ר' יְהוֹשֻׁעַ.

אָבֶער גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט נָאר אִיבֶּערְגֶעטְרֶעטְן דִי שְׁוֶועל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן דִי אַלֶע שֵׁמוֹת.

אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט, "דוּ דַארְפְסְט דָאס נִישְׁט, וַוייל דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר שְׁטֶענְדִיג!", דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה מִיט דֶעם שְׁלִיחוּת".

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דִי טִיפֶע כַּוָונוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

*פאַרזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות בין המצרים

**הקדמה קצרה:** חכמינו הקדושים זאגן (ירושלמי, יומא, פרק א, הלכה א) **"כל מי שלא נבנה בית המקדש בימיו, כאילו נחרב בימיו"** - אויב דער בית המקדש איז נישט אויפגעבויט געווארן אין זיין צייט, איז עס גערעכנט כאילו עס איז חרוב געווארן אין זיין צייט.

די פירוש פון דעם איז, היות דער בית המקדש איז חרוב געווארן וועגן שנאת חינם, איז ווילאנג עס ווערט נישט צוריק אויפגעבויעט, איז א סימן אז מיר האבן נאך נישט פאררעכטן די עבירה, מילא איז עס נישט אזוי ווי עס האט פאסירט פאר איבער צוויי טויזענט יאר צוריק, נאר אזוי ווי א פרישע וווייטאג.

אין שבעה עשר בתמוז האט פאסירט פינף שרעקליכע צרות פאר אידישע קינדער (מסכת תענית כו.) (הובא במ"ב סי' תקמ"ט סק"ב).

**א.** ווען משה רבינו ע"ה איז אראפ געקומען פון די בארג, און ער האט געזען ווי די אידן האבן געמאכט די עגל, האט ער דאן צובראכן די לוחות.

### הגהות

א) עי' בספר הק' עבודת ישראל להמגיד מקוזניץ זי"ע פר' מסעי וזלה"ק: והנה הפרשה הזאת נקרא תמיד בין המצרים שהם נחשבים כ"א יום וכו' הגם שהזמן גרמא להיות עצוב ונאנח על חורבן בית המקדש, עכ"ז יש לחזק א"ע ולטהר לבבו ולעבוד ה' בתורה ותפילה "בשמחה", בפרט בשעת אמירת שירות ותשבחות, ולהבין זה עפ' משל ומליצה, מדרך מלך בשר ודם שיש לו כל מיני טוב, ומיני שמחה, וגם מנגנים, בתוף ומחול, וכינור, ועוגב, וביוצאי כאשר טוב לב המלך והנו שרוי בשמחה, אין מן הצורך לו אל המשוררים והמנעימים בקולי קולות כי בלא"ה יש לו שמחת הלב, אכן כאשר לפעמים בא עת עצב ניגון ממקרה אשר פקעהו, אז וקראו הפורטים על נבל לשירם ולזמרם לשמח לבבו ולהציל פנים.

וכן הנמשל ודוגמא כביכול אל קדושתו יתברך שבוודאי משרתיו ברקיע מנעימים לו ומקלסים שמו רק בזמן שבהמ"ק חרב יש עצב בבתי בראי, אז צריכים מי אשר נגע ה' בלבו להתחזק ולכנו' אל בתי גוואי ולהפשיט עצמו מכל מיני עצבות ולשמח כבוד המלך, ולומר לפניו אתה מלכינו מעולם, וגם עכשיו ותמלוך לעולם ועד והכל כאין נגדיך וכו'.

ב) עי' בספר הק' תפארת שלמה (מאמרי שבת חזון ד"ה אז תרצה הארץ את שבתותה) בא"ד אז בזמן הגלות תרצה הארץ את שבתותיה, הם השבתות המה לרצון לפני הקב"ה בשמחה גדולה, כמו שיסד מהר"ש אלקבץ זלה"ה בפיוטו לכה דודי רב לך שֶׁבֶת בעמק הבכא, ימי המצרים בין י"ז בתמוז וט' באב המה עמק הבכא, ימי המצרים בין י"ז בתמוז לט' באב המה עמק הבכא, ואז רב לך שַׁבָּת, יום השבת קודש בימי המצרים, הוא יותר גדול מכל ימות השנה מפני שבימי החול גדול הצער, לכן בשבת קודש מתרבה השמחה למעלה וכו'.

1) עי' מג"א סקמ"ב טעם משום דזמן ההוא זמן פורענות אין לברך שהחיינו לזמן

**ב.**ביים ערשטן בית המקדש נאך פארן חורבן, איז מבוטל געווארן די קרבן תמיד. **ג.** ביים צווייטן בית המקדש איז די מויער פון ירושלים אויפגעבראכן געווארן. **ד.** אפוסטמוס הרשע האט פארברענט די תורה רח"ל. **ה.** מען האט אריינגעשטעלט א צלם אין היכל. וועגן דעם פאסט מען שבעה עשר בתמוז, און צוליב דעם הייבט זיך אויך אן א חלק פון די הלכות פון בין המצרים פון שבעה עשר בתמוז - און מען רופט דאס די דריי וואכן, אבער רוב הלכות הייבט זיך אן פון ר"ח אב, די ניין טעג ביז נאך תשעה באב, און אסאך הלכות ווערט הארבער פון ר"ח.

מ'דארף געדענקען וואס שטייט אין די הייליגע ספרים אז די אלע הלכות וואס איז געמאכט געווארן צו שפירן די אבילות פונעם חורבן, און ממעט זיין פון די שמחה פון א גאנץ יאר, איז דוקא לדבר הרשות, אבער ווען עס קומט צו עבודת השם, דינען דעם אייבערשטן, (לערנען - דאווענען), תורה, תפילה, מצוות, איז אדרבה, דארף מען עס טון מיט מער שמחה.

אזוי ווי עס שטייט אין ספר הקדוש עבודת ישראל[א] פונעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע בשם זיין הייליגן רבי, דער הייליגער ר"ר אלימלך זי"ע: **כל רודפיה השיגוה בין המצרים** אז דער וואס וויל זיך דערנענטערן צום אייבערשטן, קען עס יעצט דערגרייכן - אין די טעג פון בין המצרים. ובפרט אין די שבתים דארף מען זיין פרייליך, די שבתים זענען די גרעסטע שבתים פון א גאנץ יאר.[ב]

א) מען מאכט נישט חתונה פון שבעה עשר בתמוז ביז נאך תשעה באב (רמ"א סי' תקנ"א סי' ב').

ב) א שידוך מעג מען יא מאכן (אפי' ט' באב מעג מען).

ג) אזוי אויך ווארט, לחיים, תנאים, מעג מען (עי' מ"ב סי' תקנ"א סקי"ד י"ט).

ד) מען מאכט נישט קיין שהחיינו אין די טעג פון בין המצרים (מחבר סי' תקנ"א סי' י"ז).[1]

ה) שבת מאכט מען אויך נישט קיין שהחיינו - ולעת הצורך מאכט מען יא שבת.[2]

ו) וועגן דעם באנייט מען נישט קיין נייע קלייד, וואס מען דארף זאגן אויף דעם שהחיינו.

ז) קליידער וואס איז נישט חשוב, וואס מען זאגט נישט קיין שהחיינו מעג מען יא באנייען.

ח) שיך אפילו מען זאגט נישט קיין שהחיינו באנייט מען נישט.[3]

ט) מען מופט נישט אריין אין א נייע דירה.[4]

## שערן

י) פון שבעה עשר בתמוז ביז י' באב חצות שערט מען זיך נישט (רמ"א תקנ"א סי' ד').

י"א) ביי פרויען און מיידלעך גייט אויך אן די איסור פון שערן.[5]

י"ב) שנויצן וואס שטערט פון עסן מעג מען שערן (שו"ע סי' תקנ"א סי' י"ג מ"ב סק"פ).

י"ג) לאנגע האר וואס איז א חציצה פאר תפילין מעג מען שערן.[6]

י"ד) אן ערוואקסענער מענטש טאר נישט שערן קיין קינד, אפילו לא הגיע לחינוך.

## שערן די נעגל

ט"ו) מען מעג שערן די נעגל, ובפרט לכבוד שבת קודש (מג"א סקי"א סי' תקנ"א).[7]

ט"ז) מען מעג נישט הערן קיין מוזיק אין די בין המצרים (מג"א סי' תקנ"א סק"י).

י"ז) לצורך חולה, אדער איינער דארף עס פאר די נערוון מעג מען יא.[8]

## הגהות

הזה, אבל אין הטעם משום אבילות, דלא מצינו שאבל אסור לברך שהחיינו.

2) המג"א כ' בשם האר"י הק' דאפי' בשבת אין מברכים שהחיינו - אבל בשם מטה משה, בשם ספר חסידים דמותר - למעשה המנהג שלא לברך בדעת האר"י זצוק"ל, לעת הצורך יש להקל, וכ"כ במ"ב סקצ"ח וכ"כ הלבוש א"ר סקמ"ב חיי אדם כלל קל"ג אות ח', דרך החיים אות ה' קיצור ש"ע סי' קכ"ב אות ב'.

3) יוסף אומץ, אות תתס"ב דאסור אפי' בשבת אם לא לצורך גדול.

4) באופן שצריך לברך שהחיינו בודאי אסור, המנהג שלא יכנס לדירה חדשה בכל אופן שו"ת מחזה אברהם ח"ג סי' י"ג - וכ"כ אוצר יד החיים אות תתרל"ג עי"ש עוד דברים בענין זה.

5) פרויען וואס שערן זיך אפ אינגאנצן אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הק' און אין הייליגע ספרים, מעגן זיך יא שערן, מקור מתוס' יבמות מג. ד"ה במקום דכשמגלח כל ראשו קיל טפי דאיכא ניוויל, דהיינו שאינם מגלחים משום שמחה וכדומה רק מפני צניעות, מש"כ אינו בכלל איסור: וכן לצורך מצוה מותר - ואפי' כשחל ל"ט לאחר ט' באב מותר לפי המנהג, דאין מגלחין תוך ג"י לטבילה: וכן כל ששייך שלא תתגנה על בעלה מותר - כן יוצא משו"ע י"ד ס' שפ"א שהתירו כיחול ופירקיס אחר שבעה כדי שלא תתגנה.

6) דהוי לצורך מצוה כמש"כ בפמ"ג סי' כ"ה א"א סק"ד ומחצית השקל ע"ש.

7) וז"ל מ"ב סק"כ: ולענין קציצת צפרניים יש מחלוקת בין האחרונים, (שער הציון - ט"ז אוסר מג"א מתיר) אכן לצורך מצוה, וכן לכבוד שב"ק שרי עי"ש.

8) שו"ת דברי סלום ח"ד דכמו שהתירו לצורך פרנסה כמש"כ בפרמ"ג א"א סק"י התירו ג"כ לצורך בריאות.

# פארשימעלטע פלעשלעך אין סאבוועי

ע ס איז שוין א אלטע טענה'ריי ביי די הוגי דעות צו א פלאשע לעזונג איז בעסער ווי קיינע לעזונג, אדער א פאלשע לעזונג מאכט ערגער ווייל עס שטערט די פאקוס פון זוכן די ריכטיגע לעזונג.

למשל, ווען מען האט פראקלאמירט א כפירה'דיגע אנטי תורה ממשלה אין ארץ הקודש איז געווארן א מהומה מיט די אראבערס, און ס'איז געווארן פארערגערט ביי די סיני מלחמה אין תשי"ז, און נאכאמאל פארערגערט ביי די זעקס טאגעדיגע מלחמה אין תשכ"ז.

די צוריסנקייט צווישן די אראבערס און די ממשלת ה'אנטי דת, איז געווען געפערליך.

א לענדעלע וואס איז לאמיר זאגן פופציג מייל ברייט און לאמיר זאגן צוויי הונדערט מייל לאנג זאל זיין אפגעהאקט פון אירע שכנים, דאס איז זייער נישט ווירקזאם, סיי עקאנאמיש, סיי פראקטיש.

למשל, אז ניו יארק סיטי מיט וועסטשעסטער און אראנדזש און ראקלאנד און סאליוועו זאלן זיין אפגעהאקט פון די גאנצע ארום מיט א ערנסטע באוואפנטע גרעניץ אווי צווישן פיינטליכע לענדער, דאס איז זייער א אומבא'טעם'ט עסק.

אזוי האט זיך געפירט די לעבן אין ארץ הקודש, מענטשן זענען געווען אין א שאטן פון ארומיגע לענדער וואס וואונטשן זיך צו מאכן חס ושלום א חורבן אויף די אידן אין ארץ ישראל השם ישמרינו.

נאך די זעקס טאגעדיגע מלחמה האבן די ראשי הכופרים אנגעהויבן צו טראכטן אז זיי זענען פשוט אומבאזיגבאר.

אום יום כיפור תשל"ד איז געווען א גרויסע סכנה, עס האט אויסגעזען ווי די אראבערס מאכן גרויס פארשריט, עס איז דא וואס זאגן אז עס האט געפעלט א האר אז די אראבישע ארמייען זאלן אריינמארשירן און מאכן חלילה א טאטאלן חורבן השם ישמרינו, טייל זאגן אז די פריים מיניסטערקע גאלדע מאיערסאן האט געהאט גרייט א סייעניד פיל זיך צו נעמען דעם לעבן אויב די איזראעלישע ארמייען פאלן אינגאנצן אונטער צום שונא חס ושלום.

אסאך היסטאריקער זאגן אז די דעמאלטסדיגע סכנה איז פארמיטן געווארן ווען אמעריקע האט זיך אריינגעמישט און געמאכט די אראבערס אפשטעלן זייערע ארמייען פון גיין פאראויס ווייטער.

פון נאך די יום כיפור מלחמה איז אנטשטאנען א נייע פאליטיק אין די מדינה.

די פאליטיק פון איידער די יום כיפור מלחמה איז געווען א מורא'דיגע גאוה'דיגע פאליטיק, די בלויזקעפיגע אוכלי נבילות וטריפות זענען נאר געווען ביזי אראפצוקוקן און לאכן פון די שוואכינקע צוריקגעבליבענע אראבערס, עס האט געהערשט א לופט פון אני

**משה אריה שניצלער**

ואפסי עוד, די דל גאה'ניקעס האבן נאר געזען א וויזיע ווי זיי ווערן א שטערקערע און שטערקערע כח אין מיטל מזרח.

נאך די יום כיפור מלחמה האט זיך די זאך געטוישט מקצה אל הקצה, די בלויזקעפיגע אוכלי נבילות וטריפות האבן באקומען שוין איינמאל א שנעלקע אין די נאז פון וואס זיי האבן קיינמאל נישט ריקאווערט.

דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן א געיעג נאך די אזוי גערופענע "שלום" און מיטל מזרח.

די בלויזקעפיגע אוכלי נבילות וטריפות האבן אנגעהויבן צו ווערן מיד פון זייערע נצחונות..........

זיי האבן נאר געוואלט עפעס א מיטל מזרח לענדעלע זאל זיי געבן די האנט און מאכן א שמייכלדיגע בילד וואס זאל הייסן "שלום" און האפנטליך וועלן זיך זאכן פארבעסערן.

צום ערשט איז געקומען א געמיינזאמע בילד אין יאר תשל"ט ווי סאדאט פון עגיפטן געבט די האנד פאר דעם דעמאלסדיגן פרעמיער מיניסטער פון די ממשלת הכופרים, פון דעמאלטס ביז יעצט האלט מען אין איין מעלדן אין די נייעס וואו עס האלט מיט די "מיטל מזרח שלום געשפרעכן"......

מען האט געהערט עטליכע מאל פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס ער זאגט וועגן "שלום מיט די אראבערס", מוהרא"ש פלעגט צו זאגן, אויב כלל ישראל וועט שלום מאכן מיט די תורה, היטן די תורה, דעמאלטס וועלן די שונאי ישראל ווערן אומשעדליך פון דעם אייבערשטן אליין.

זיי האבן נאר געוואלט עפעס א מיטל מזרח לענדעלע זאל זיי געבן די האנט און מאכן א שמייכלדיגע בילד וואס זאל הייסן "שלום" און האפנטליך וועלן זיך זאכן פארבעסערן.

פון דא קוקט עס אויס ווי די פאלשע שלום נעמט אוועק פון די פאקוס פון די עכטע שלום, די פאלשע לעזונג מאכט מען זאל פארגעסן פון זוכן און טרעפן די ריכטיגע לעזונג.

די וואס מיינען אז די וועלט פירט זיך אליין חלילה און א באשעפער האבן זיך דערזען אז עס איז דא צופיל פלעסטיק אין די לענדפיל'ס, האבן זיי אנגענומען א (פאלשע) לעזונג, מען וועט לייגן א 5 צענט שטראף יעדע מאל איר קויפט א פלעשל סאודע, און דאס וועט מאכן (למשל, יא ווייל יא, זיכער ווייל יא זיכער) אז נאכ'ן אויסטרינקען די סאודע וועט ער וועלן צוריק זיין 5 צענט, במילא וועט ער נישט לייגן די פלעשל אין מיסט וואס גייט אין די לענדפיל, נאר ער וועט צוריקברענגען די פלעשל צום געשעפט, צוריקבעטן זיין 5 צענט, די געשעפט אייגנטומער וועט האלטן די פלעשלעך און עס צוריקגעבן דעם סאודע פאבריצירער אז ער זאל עס איבערנוצן, יא ווייל יא, זיכער ווייל יא זיכער. אוודאי. מיליאן פראצענט.

וואס האט באמת פאסירט? די לענדפיל איז פול מיט פלעסטיק און די ניו יארקער גאסן זענען פול מיט HOARDERS וואס זאמלען קענס און פלעשלעך און פארשימלטע עסן אין זייערע פארשימעלטע געצעלטן אין די סאבוועי סטאנציעס.

פון דא קוקט אויס אז א פאלשע לעזונג מאכט פון איין פראבלעם נאך פראבלעמען.

עס איז אויסגעוואקסן א נייע דור פון HOARDERS.

א "הארדער" איז איינער וואס האט די מענטל מחלה פון האלטן זאכן וואס האבן נישט קיין נוץ.

די אינטערנעשענעל OCD פאונדעישן צולייגט די הארדער מחלה אין פינעף שטאפלען.

שטאפל איינס, אוועקלייגן זאכן וואס זעט נישט אויס מען זאל עס נוצן.

שטאפל צוויי, מענטשן וואס קומען אריין אין די דירה קענען זען אז דא הערשט די הארדינג מחלה.

שטאפל דריי, חלקים פון די דירה קענען נישט ווערן באנוצט פאר די זאך אויף וואס עס איז געמאכט, למשל, א חלק פון די פליישיגע קאונטער קען נישט ווערן באנוצט צו קאכן נאכטמאל אלס רעזולטאט פון "וויכטיגע" הארדעריי חפצים וואס ליגן דארט.

שטאפל פיר, די הארדעריי חפצים הייבן אן בלאקירן פלעצער וואו מען דארף נארמאל אנקומען, למשל די דירה האט געהאט צוויי טירן אריינצוגיין, און יעצט איז איין טיר בלאקירט וועגן די וויכטיגע הארדעריי חפצים וואס ליגן דארט.

שטאפל פינעף, די דירה ווייזט סימנים פון אומוואוינבארקייט, וואסער אדער לעקטער איז נישט אינגאנצן עוועילעבל פון נאכגעלאזטקייט.

די הארדינג מחלה פון אוועקלייגן זאכן וואס איז אומנוצבאר הייבט זיך אן שטאפלווייז און קען ווערן ערגער און ערגער.

לעצטנס האט מען ארויסגעגעבן אינטערעסאנטע ציפערן וועגן אוועקלייגן זאכן וואס וועט נישט ווערן באנוצט.

דער גרעסטער HOARDER וואס לייגט אוועק וואס ער וועט קיינמאל נישט נוצן איז נישט קיין צווייטער ווי דער אלעמען באקאנטער אילן מאסק וואס האט א טריליאן טאלער וואס א מענטש קען דאס קיינמאל נישט נוצן.

א שאד צו זאמלען געלט וואס מען וועט נישט נוצן.

פרנסה געבט דער באשעפער.

געלט צו קענען זאגן איך האב מער ווי דו, דאס איז א מענטל מחלה.

מען קען פון דעם נישט ארויסגיין.

מען קען נישט ווערן אויס געלט-האורדער סיידן אז מען זאגט משניות און מען רעדט צום באשעפער.






# געהאט א אינגעלע נאך פיר יאר, ברוכים תהיו!

לייערע סימפל!

## סגולת מוהרא״ש

**$500**

פארן **קרן הדפסה** און אלע טויערן עפענען זיך

אדרבה

פרובירט עס אליינס אויס פאר סיי וועלעכע ישועה אדער צו די צייט פון א שמחה אדער יארצייט זייט מנדב א סכום הגון פארן קרן הדפסה.

רופט שוין דעם גבאי

347.578.4449

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז״ל ותלמידיו הקדושים בעולם

*sruliHeskel

# קלאסיפיידס

## Fully furnished House for the summer

4 huge bedrooms
+1 small bedroom ground level
3 toilets. 2 bathtubs.
Plus extra shower ground level.
Huge Kitchen.
Huge dining room.
Huge living room.
Huge playroom.
Huge basement.
Laundry room included washing machine and dryer
2 separate entrances to the house.
Big garage.

4 minutes from lemonade supermarket
3 minutes from Chider/ School

Call Avrumi Dantizger
514-531-3678

## פריוואטע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פאר שבתים, אדער פאר א חלק פון זומער.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט
רופט 917-501-5100

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה גלייך נעבן די ירושלים גאס, שטייט צו פארדינגען פאר שבתים, ימים טובים, און אזוי אויך פאר גאנץ זומער.

**רופט הערשל בוים**

347-786-1767

## דירות צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה און 1 בעדרום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר שבתים און ימים טובים.

**רופט ראובן בירנבוים**

347-549-5625






## הערליכע דירה

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען אויף שבתים, אדער אויפן זומער. אנטהאלט דריי גרויסע שלאף שטובער, א גרויסע דייניג רום, קאך מיט אלע צוגעהערן, לינען צוגעשטעלט. walk in

רופט 347-731-3144


בס"ד
CATSKILLS, WE HAVE YOU IN MIND
Stay Connected
WITH PROTEK
TALK-ONLY AND TALK&TEXT PHONES, READY TO USE
BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA DuraXV
FROM $325
KYOCERA DuraXV EXTREME
FROM $330
HOT!! BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA CADANCE
$300
REG. $350
FREE! YIDDISH KEYPAD STICKERS
TCL FLIP 2
FROM $95
FREE CASE
WONDER PHONE (Waze on car screen)
$399
LETAHER WAZE
$349
TAK PHONE (Waze on car screen)
$275
REG. $330
BLISS B1
$130
FREE! POWER BANK
POM PHONE TALK ONLY / TALK & TEXT
$370
FREE! POWER BANK
POM CLASSIC TALK ONLY / TALK & TEXT
$289
UNLOCKED
LG CLASSIC FLIP
$210
REG. $240
MP3
over 40 options available!
call us for advice
PROTEK Catskills
PURE CONNECTIVITY
HOT!!
SAMVIX X9200
$269
Optional: No video playback
SAMVIX X8400
$209
Optional: No video playback
FREE DAILY DELIVERY!
TO ALL BUNGALOW COLONIES & CAMPS
'SAME DAY' FOR ALL ORDERS ORDERED UNTILL 4:00
AKITO PICO-H
$119
SUMMER BUNDLE DEAL!!
SONIM XP3800
with 2 months unlimited service included!
$139
845.999.TALK(8255)
All Phones Are Approved By Vaad Haishur Monsey

# א בליק צוריק

## טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:







### בילד פון פאריגע וואך:

מוהרא"ש זי"ע שפאצירט מיט די בחורים אין קעמפ היכל הקודש.
מוצ"ש שנת תש"ע

1. אברהם הערש וועבערמאן
2. ישראל קרויס
3. שמואל גליקמאן
4. יעקב פיש
5. שלמה קרויס
6. העניך אינדיג
7. ברוך מרדכי פעקעטע
8. פנחס דוד לעבאוויטש
9. יואל יצחק לעבאוויטש
10. אברהם יצחק לעבאוויטש
11. דוד מאיר לעבאוויטש

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב




נייע אשר יצר און מודעה האלטער אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - א' חקת בלק



דער ראש ישיבה שליט"א ביים זיך אפגעבן מיט די קלענערע קינדער ביי לאנטש אין תלמוד תורה אין שטעטל - א' חקת בלק





ווייטערדיגע פארשריט ביי די נייע בנין אין אומאן - א' חקת בלק



חדר פירן פון הילד אשר ני״ו בן מו״ה יוסף מערמעלשטיין הי״ו
אין תלמוד תוורה אין שטעטל - ג׳ חקת בלק



די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית
יואל אויף א טריפ - ה׳ חקת בלק





לחיים פון החתן יוסי ווייס ני״ו אין וויליאמסבורג - ד׳ חקת בלק





אסיפה אין שטוב פון מו״ה מרדכי אהרן היילפרין הי״ו איבער די גרינדונג פון א 'טעג אפיס' אין שטעטל - ה׳ חקת בלק





**יאמפעלע רב שליט"א ביים תנאים פון החתן ישראל מרדכי פיש הי"ו עב"ג בת מו"ה שמעון לעווי הי"ו - א' חקת בלק**








**דאנערשטאג נאכט שיעור אין קרית ברסלב ליבערטי - ה' חקת בלק**





**די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ברסלב אויף א טריפ - ג׳ חקת בלק**









**בית המדרש היכל הקודש אלעד שיין צוגעגרייט לכבוד שבת קודש - עש״ק חקת בלק**

בס"ד
פרשת פנחס
אויסגאבע # 25

# אינדערהיים

**פארקערט און באשערט**
ש. ל. פליישמאן

**קאנטרי ראודס**
ג. פעקעטע

**א לייב-אייזל**
מ. פעדער

## הילינג פונעם געבוירן



ש. טראכטער

**רעסעפי** Super fluffy sourdough

# אינהאלט




11


14



**בס"ד**
פנחס
תשפ"ו
**נומער 25**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער



**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**

אידיש שטוב:
**212.444.9169**

מ. פעדער



# א לייב-אייזל

דער אייזל שפאצירט ארום אין וואלד, פראבירנדיג צו זיין וואכזאם און זיך צוהערן אויב עס זענען דא פארצוקנדע חיות אינעם געגנט

ווען פלוצלונג זעהט ער פאר זיך דעם לייב - דער קעניג פון די חיות - ווי ער ליגט אויסגעצויגן טויט אויף דער ערד.

"ענדליך וועל איך שוין באקומען מיין פארדינטן כבוד," פריידט זיך דער אייזל. ער מאכט אפ זיך צו פארשטעלן ווי א לייב און איבערנעמען דאס פלאץ פונעם קעניג. אלע חיות פרייען זיך צום אייזל, וועלכער קומט פארשטעלט ווי א לייב, און זיי נעמען אים אויף אלס דער נייער קעניג.

דעם יונגן לייב, דעם פריערדיגן קעניג'ס זון, האט די גאנצע זאך נישט געשמעקט. ער דארף דאך זיין דער וואס נעמט איבער זיין טאטן, און דא קומט זיך אן אן אומבאקאנטער לייב פון ערגעץ וואו און נעמט איבער די קעניגרייך. ער מאכט אפ זיך אריבערצוכאפן צום קלוגן פוקס זיך אויסצורעדן זיין פארוויייטאגט הארץ.

דער פוקס הערט אויס זיין ווייטאג און פארטראכט זיך פאר א לאנגע צייט. "איך פארדעכטיג דעם לייב אז ער איז פאלש," זאגט ער שטילערהייט צום יונגן לייב, "עס קען גאר זיין אז ער איז בכלל נישט קיין עכטער לייב."

דער יונגער לייב כאפט א ציטער. "אויב אזוי, וואס קען מען טוהן?" פרעגט ער באזארגט, "וויאזוי קענען מיר דאס אויסגעפונען?"

דער פוקס, דער קלוגסטער פון אלע חיות, קומט אויף מיט א געדאנק: "ביים לעצטן טאג פון די שבעה נאך דיין טאטן, וועט מען מכבד זיין דעם נייעם קעניג צו רעדן. דאס וועט זיין זיין 'טעסט', און דו וועסט שוין זעהן וואס עס וועט פאסירן."

אזוי איז טאקע געווען; ווען עס איז אנגעקומען דער לעצטער טאג פונעם שבעה, האט מען אים מכבד געווען צו רעדן. דער פארשטעלטער לייב נעמט זיך רעדן, און יעדער האט געהערט אויף זיין

קול אז ער רעדט ווי אן אייזל; ער האט געהאט א קול פון אן אייזל, און ער איז פארטריבן געווארן פון דארט מיט גרויס בבושת פנים.

דעם משל האט דערציילט הגה"ק רבי יוסף יוזפא סג"ל זי"ע פון פראנקפורט, און ער פלעגט אויספירן און ערקלערן, אז ווען מען וויל וויסן אויף א מענטש צי ער איז ערליך, זאל מען זיך צוהערן צו די ווערטער וואס קומען אים ארויס פון מויל, דאן וועט מען פונקטליך וויסן ווער דער מענטש איז און וואס זיין מהות, זיינע דעות און שיטות זענען.

איך האב געזען אין א בריוו וואו דער ראש ישיבה שרייבט פאר א בחור א סימן וויאזוי צו וויסן ווער עס איז נישט קיין גוטער חבר. דער ראש ישיבה שרייבט אים די ווערטער: *"הער וואס יענער רעדט; אויב יענער רעדט מיאוסע ווערטער אדער כמו מיאוסע ווערטער - זאלסטו אוועק שטיין פון יענעם. דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות, אות ניבול פה, חלק א', סימן א'): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן", ווער עס רעדט שמוציג איז דאס א סימן אז ער איז א שמוציגער מענטש."*

דער ראש ישיבה געבט אונז א סימן וויאזוי מען קען וויסן ווער עס איז א גוטע חבר'טע, מיט וועמען מען וועט זיך קענען מחזק זיין און שמועסן שיינע זאכן, און פון וועלכע פרוי מען דארף זיך דערווייטערן ווי פון פייער.

הער זיך גוט צו צו וואס זי רעדט און וועלכע ווערטער עס קומען ארויס פון איר מויל, אזוי וועסטו וויסן צי זי איז אן ערליכע פרוי אדער נישט.

אויב טרעפסטו א פרוי וואס רעדט צו דיר פונעם אייבערשטן, ביי יעדע זאך זאגט זי "ברוך השם", "אלעס איז לטובה", און "דער אייבערשטער וועט העלפן", און דו הערסט ווי זי רעדט גוטס אויף א צווייטן - זי איז אן ערליכע פרוי; מיט איר וועסטו קענען פארברענגען און זיך מחזק זיין.

אבער אויב הערסטו ווי זי איז נאר פארנומען זיך צו באקלאגן, זי בארעדט יעדן איינעם, און זי שפעט און מאכט ליצנות פון צדיקים און פון ערליכע אידן, דארף מען שטיין ווייט פון איר ווי פון פייער, ווייל ליצנות איז די ערגסטע זאך און עס קען דיך חס ושלום אינגאנצן אפקילן.

*ווי שלמה המלך זאגט (משלי יז, יב): "פָּגוֹשׁ דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ" - עס איז בעסער זיך צו באגעגענען מיט א פארציקנדן בער, "וְאַל כְּסִיל בְּאִוַּלְתּוֹ" - ווי צו באגעגענען א נאר, א לץ וואס שפעט און מאכט חוזק; ווייל ליצנות איז אבי אבות הטומאה, און עס איז נישטא נאך אזא טומאה וואס פארשטעלט דעם אייבערשטן ווי די טומאה פון ליצנות.*

*גיב זיך אכטונג פון ליצנות; מיין נישט אז דיר קען עס נישט שאטן. אפילו דער גרעסטער מענטש קען ווערן פארשוועמט דורך ליצנות. מוהרנ"ת האט געזאגט פאר זיין באליבטן תלמיד רבי*



*נחמן טולטשינער זכרונו לברכה, ווען ער האט אים געזען רעדן מיט איינעם וואס האט זיך געדרייט אין ברסלב'ער קלויז - יענער איז געווען א תלמיד חכם אבער ער איז געווען פול מיט ליצנות - האט ער אים געזאגט: "איך קען דיר נישט זאגן זאלסט נישט גיין צו יענעם, איך קען דיר אבער זאגן אז אויב דו גייסט צו יענעם קום נישט צו מיר." ווייל ליצנות איז אזוי געפערליך; עס איז ווי א פאנצער נישט צו קענען מקבל זיין ווערטער פון קדושה.*

*אזוי אויך זאגט אונז מוהרא"ש, אז ווען צוויי מענטשן רעדן פון א דריטן - דאס איז שוין ליצנות, פון דארט דארף מען שוין אנטלויפן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ג, ב): "שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִים וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תוֹרָה, הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים". מוהרא"ש זאגט אז דאס איז כפשוטו: וואס מיינט דאס רעדן פון א דריטן? וואס איז דאס בארעדן אנדערע?* (נאכגעשריבן פון א בריוו אין עצתו אמונה שנת תשפ"ה).

און ווי דער ראש ישיבה ערקלערט אונז ביי די שיעורים: "א פרוי וואס רעדט צו דיר אויף יעדעם, רעדט מיט יעדעם אויף דיר." אויב א פרוי שמועסט מיט דיר און בארעדט יעדן איינעם, זאלסטו וויסן אז אונטער דיין רוקן בארעדט זי דיר.

מיר קענען נאר בעטן דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל האבן גוטע חבר'טעס; חבר'טעס וואס רעדן פונעם אייבערשטן און חבר'טעס מיט וועלכע איך וועל זיך קענען מחזק זיין מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.**

**העלף מיר זיך דערווייטערן פון פרויען וואס בארעדן א צווייטן, פרויען וואס רעדן ליצנות, און פרויען וואס שפעטן פון צדיקים און פון ערליכע אידן, ווייל דאס קען מיר נאר שאדן מאכן און קען מיר אינגאנצן אוועקנעמען פונעם צדיק חס ושלום. הייליגער באשעפער, העלף אז איך, מיין מאן, מיינע קינדער און אלע אונזערע ווייטערדיגע דורות זאלן שטענדיג נאכגיין די וועגן פון צדיקים".**

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## פארקערט און באשערט

נאך די שבע ברכות די קאפל,
זעען, זיי ענדלען נישט א טראפל,
ווי קומט בונדלער צום דאך.

זיי ציטערן פון די קאנסעקוועצן,
ס'איז דא צווישן זיי פיל דיפערענצן,
זיי רעדן אינגאנצן אן אנדערע שפראך.

איינער דווקא נאר דאס דארף,
די עסן זאל זיין מיט ספייסעס שארף.
די אנדערע נאר זיס אונגאריש גלייכט.

איינער זיין שווייס האלט אין איין ווישן,
אויף 67 ער/זי דארף עיר קאנדישאן.
די אנדערע ציגד אן נאר "אביסל" סטים ביינאכט.

איינער וויל לעבן אויף א שפארזאמע דרגא,
די אנדערע וויל ספענדן, נישט זיין קיין קארגע.
פארוואס איז ער/זי אזוי, זי/ער טראכט.

ביי איינעם אלעס די לעצטע מינוט געשעהט,
די אנדערע וויל ענדערש פריער ווי שפעט,
זיין אויסגערעכנט ווי א שפילער אויף שאך.

עושה שלום במרומיו אין די הימלען,
דער אייבערשטער אליין בארואיגט די טומלען.
פון אש און מים, א שלום אפמאך.

אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט,
פון פייער און וואסער צוזאמענגעשטעלט.
**ש-מים**[א] האט ער די "**הימל**" געמאכט.

הוא יעשה שלום עלינו בעט,
מיט **תפילה** שלום בית געשעהט,
שני הפכים, מיט ליבשאפט, אונטער איין דאך.

"באשעפער, אן דיר, איך קען נישט, העלף,
איך וויל טון work out אויף מיין סעלף,
איך וויל לעבן נאר פאר דיר השם יתברך".

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. טראכטער



# הילינג פון ווען מען ווערט געבוירן

מיר זיצן געמיטלעך עטליכע שכנות אינאיינעם און פארברענגען אינעם ווארימען וועטער. די קינדער שפילן זיך רואיג אין א זייט און די מאמעס פארברענגען געשמאק.

פלוצלינג קומט א זיבן יעריג קינד צו איר מאמע און רעדט מיט א געוואלדיגע חוצפה און עזות. עטליכע פרויען האבן זיך אומבאקוועם אוועקגעשארט; עס איז נישט אנגענעם צו זען יענעם'ס א דורכפאל ברבים. אבער די פרוי, וועמענס טאכטער האט גערעדט מיט אזא עזות, איז בכלל נישט געווען דערשראקן אדער פארשעמט פון די חוצפה.

מיט א שמייכל דערציילט זי פאר די ארומיגע: "איך גיי שוין עטליכע יאר צו ...'ס קורס, עס איז עפעס מורא'דיג. זי לערנט אונז אז ווען קינדער רעדן חוצפה'דיג איז דאס נישט קיין חוצפה, עס איז 'הילינג' (HEALING)."

איך דריי זיך אויס צו הערן מער; דער שמועס הייבט אן ווערן אינטערעסאנט. איך קען זיך נישט איינהאלטן און איך פרעג: "וואספארא דעמעדזש (חורבנות) האט מען שוין געקענט אנמאכן פאר א זיבן יעריג קינד, אז זיין נפש זאל שוין דארפן הילינג?"

"וואס הייסט?" פרעגט זי מיר כאילו איך בין אראפגעפאלן פון די לבנה, "הילינג איז נישט דווקא צוליב דעם עבר (PAST). הילינג איז א דזשורני

(JOURNEY). א מענטש דארף שוין הילינג פון ווען ער ווערט געבוירן, ווייל זיין ווייטאג האט זיך שוין אנגעהויבן נאך פאר ער איז געבוירן." (אפשר באציט זי זיך צו די משנה אין אבות " שעל כרחך אתה נוצר ועל כרחך אתה נולד ועל כרחך אתה חי ועל כרחך אתה מת." מיט צוואנג ביסטו באשאפן געווארן און מיט צוואנג לעבסטו... געצווינגענערהייט ווערסטו שטארבן וכו'...) דאס איז טאקע א טראומא... אדער אפשר ברענגט מען שוין טראומא פון א פריערדיגן גלגול?)

"אהא," וואונדער איך זיך, "און וויאזוי ארבעט די 'הילינג'?"

"עס איז א טיפע זאך, נישט יעדער פארשטייט דערצו; מען דארף פארשטיין צו א נפש. עס איז א קאמפליצירטע זאך." וויל זי צייגן איר חכמה.

פערצופאל האב איך שוין טועם געווען די חכמה און טיפקייט פון יענעם קורס איידער איך האב טועם געווען פונעם רבינ'ס פשטות, און איך האב שוין איינגעזען אז עס איז נישטא קיין טיפערס ווי די פשטות ביים רבי'ן. אבער דאס האב איך איר נישט געזאגט.

"הילינג מיינט אז מען לאזט זיך פילן."

"און?"

"און פילן און פילן... אזוי לאנג ווי עס נעמט."

"אבער אויב איך וועל זיין פארנומען פילן און פילן און פילן, וועט דאס לעבן אריבערלויפן. איך וויל ווערן א בעסערער איד." האט איינער געוואלט פארשטיין.

"דו דארפסט פארשטיין," האט א מומחה איר מסביר געווען, "דאס לעבן איז פול מיט 'סירקלס' (רינגלעך). דער ערשטער רינג ביסטו. ארום דיין רינג איז דיין מאן, נאכדעם דיינע קינדער, נאכדעם דיין טאטע און מאמע, נאכדעם דיינע חבר'טעס, און נאכדעם און נאכדעם..." איך געדענק נישט די גאנצע קייט... איך געדענק נאר אז דער גרעסטער רינג איז דער אייבערשטער.

אבער דער וועג אנצוקומען צום אייבערשטן איז אז צוערשט דארף מען זיין בשלום אין אלע סירקלס.

די מומחה האט דערציילט, אז א פרוי האט אמאל געפרעגט דעם בעל הקורס: "ווילאנג וועל איך זיך נאך מוטשען און ווייקן אין מיין עבר? ווילאנג וועל איך

איינער זאגט מיר איין טאג: "איך בין פארגלייבט, און איך שווער זיך אין סארנא." די ווערטער האבן מיר אזוי געקריצט אין אויער. נאכ'ן הערן אזויפיל שיעורים, קען איך נישט הערן אזעלכע ווערטער. פארגלייבט? זיך שווערן?

נאך שפירן די שווערע געפילן? ווען וועל איך שוין זיין געזונט און אנהייבן צו לעבן?"

האט מען איר דערויף געענטפערט: "לאמיר איבערפרעגן דיין שאלה; דו פרעגסט אין אנדערע ווערטער: ווילאנג איז גלות? דאס איז עס... דאס איז דאס לעבן... מען לעבט מיט דעם ווייטאג, מען שטייגט און מען פרובירט, אבער דאס איז עס."

א מענטש מוז זיך ערשט געפינען. ווער ביסטו? וואו ביסטו? וואס ווילסטו? וואס זענען דיינע געפילן?

דער שיעור איז ווייטער געגאנגען: "לאמיר נעמען א משל. א פרוי דערציילט מיר אז זי האט אנגעבאטן צו היטן אויף איר צוויי-יעריג אייניקל בשעת איר שנור וויל פארן אויף וואקאציע. אינצווישן איז איר אבער אונטערגעקומען א געלעגנהייט, אז זי קען יעצט פארן אויף אן אויסגעצאלטע נסיעה צו די מקומות הקדושים מיט אירע געשוויסטער. וואס טוט זי? זי וואקלט זיך צווישן חרטה

אפצוזאגן די שנור, און 'רעסענטמענט' - כעס אויף די שנור אויב זי פארפאסט די נסיעה. וואס טוט זי?"

און די מומחה מסביר: "די ערשטע זאך דארף זי לאזן די געפילן ארויפקומען. זי דארף זיי 'וועלידעיטן' (אנערקענען). וויאזוי? פשוט אזוי. מען לאזט עס פילן. מען שטעלט זיך פאר ווי מען זיצט ביי א וואסער-פאל און עס גיסט זיך איבער

דיר... כעס... ווייטאג... אויפגערעגט... ברוגז... איך וויל נישט! איך וויל נישט! איך וויל נישט!"

"ווילאנג?"

"אזוי לאנג ווי עס נעמט... עס מאכט נישט אויס, ביי איינעם נעמט עס עטליכע מינוט און ביי א צווייטן עטליכע וואכן..."

און נאכדעם וואס מען פילט די געפילן, פילט מען שוין וואס מען פילט...??

די שמועס איז ווייטער און ווייטער געגאנגען... ווען נישט וואס דאס זענען וואוילע, טייערע און קלוגע אידישע פרויען, וואלט איך אפשר אויך יעצט געלאכט. אבער אנשטאט דעם האבן אין מיינע אויערן געקלינגען די ווערטער פונעם ניגון פונעם ראש ישיבה ("וואס מיינט א רבי?"):

"ווי זאל איך נישט וויינען, ווי זאל איך נישט קלאגן... ווי קען איך דעם צער אריבערטראגן...???"

דער ראש ישיבה זינגט אזוי שיין אויס די מעשה, אז די תלמידים פונעם בעל שם טוב זי"ע האבן אמאל געטראפן דעם צדיק אין וואלד ווי ער קלאפט זיין קאפ אין א בוים און וויינט זייער שטארק. ווען די דערשראקענע תלמידים און חסידים האבן געפרעגט דעם הייליגן בעל שם טוב וואס עס גייט דא פאר, האט דער צדיק געענטפערט: "ווי זאל איך נישט וויינען און קלאגן, אז איך זע דעם דור פאר משיח'ס קומען, ווי עס וועלן זיין מפורסמים של שקר אזויווי די בלעטער פונעם בוים, וואס וועלן 'פארפירן' אידישע קינדער?"

וואס מיינט "מפורסמים של שקר"? פאלשע פארפירערס... עס קען קומען א פרוי, א מאן, און פארפירן טויזנטער מענטשן מיט א פאלשע אמונה, מיט פאלשע עצות, און מיט נארישע זינלאזע רעיונות פון "אינער הילינג" און "אינער טשיילד", מיט א קראנטן בלאף אז די נפש געפינט זיך אויף א רייזע פון מ"ב מסעות. איז דאס נישט א צער? אינצווישן ווערט דער מענטש פארפירט טיפער און טיפער, ביז ער זעט אז זיין לעבן ווערט פארשפילט מיט זינלאזע "טיפע און קלוגע" שפעקולאציעס. דער מענטש רעדט זיך נעבעך איין אז באמת ווערט ער א "געהייליטער" און א בעסערער מענטש, און ער גייט פון סירקל צו סירקל (וואס דאס איז אין א



געוויסן זין אמת... ער גייט נעבעך ארום און ארום דעם זעלבן רינג, בשעת דער בעל הקורס שארט געלד).

דאס איז ממש וואס דער הייליגער רבי האט אונז געזאגט: "דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר: די וועלט נארט אייך, לאזט זיך נישט נארן!"

איז דאס נישט א ווייטאג? "על אלה אני בוכיה", אויף דעם קענען מיר וויינען. דאס איז גלות. אויף דעם דארפן מיר בעטן און וויינען אז דעם רבי'נ'ס ליכטיגקייט זאל שוין ארייננקומען אין די וועלט.

איך בין געזעסן דארט בשעת די שמועס האט זיך ווייטער געצויגן. עס איז געווען א "מחלוקת הפוסקים" וויפיל און אויב מען זאל ליגן אינעם עבר אדער נישט; וויפיל און אויב מען זאל טראכטן פאזיטיוו, און צי יעדער איז בארעכטיגט צו טראכטן פאזיטיוו, אדער נאר "געזונטע" און "אויסגעהיילטע" מענטשן האבן די רעכט צו לעבן מיט "פאזיטיוו טינקינג" (טראכטן).

"אזא ווייטאג, אזא צער. זאל יעדער וויסן פונעם רבי'ן," האב איך זיך שטיל מתבודד געווען. דער רבי גיט אונז די געוואלדיגע מתנה פון התבודדות, די מתנה פון רעדן צום אייבערשטן. דאס איז אזא שטארקע הילונג, וואס עס איז נישטא נאך אזאנס אין די וועלט.

ווייטאג? יעדער האט ווייטאג. ווי דער רבי האט אמאל געזאגט, אז אפשר איז אפילו אויף יענע וועלט דא אזא מושג פון 'עולם הזה'... דא מוטשעט זיך יעדער. און ווי רבי נתן האט געזאגט פאר זיין תלמיד רבי נחמן טולטשינער: "עס איז נישטא וועמען צו מקנא זיין; אויב מקנא זיין, איז עס נאר דעם ערליכן איד, און אז דו ביסט דער ערליכער איד, בין איך דיר מקנא."

דא אויף דער וועלט האט יעדער ווייטאג. די שאלה איז: "וואס טוסטו מיט דיין ווייטאג?" די שאלה איז: "וויאזוי ספראוועט זיך א איד מיט ווייטאג? וויאזוי גייט מען ארויס פון ווייטאג?"

אוודאי דארף מען פילן און זיך לאזן פילן, אבער עס איז אזא שאד און אזא ווייטאג ווען מען נעמט טייערע און הייליגע אידישע קינדער און מען פארדרייט זיי דעם קאפ מיט אמונה פסולה, א פאלשע אמונה.

אז א מענטש שפירט ווייטאג, קנאה, פאררעאט, שרעק, כעס, בושה, פחד, ענקזייעטי, זארג, אומגעדולד, סענסארי איבערלאסט, אדער מוטלאזיגקייט...

האבן מיר איין עצה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן דעם פרויען שיעור פרשת קרח מיט'ן ניגון "אין לנו להישען אלא על אבינו שבשמים", און דער ראש ישיבה האט עס אזוי שיין מסביר געווען, אז פונקט ווי אן אויסגעמוטשעטער מענטש זוכט א וואנט אדער א בענקל וואו אנצולעגען זיינע אויסגעמוטשעטע ביינער – ער שפירט ווי ער ברעכט אונטער און זוכט וואו זיך אנצולענען – אזוי "פאלן" מיר ארויף אויפ'ן אייבערשטן; מיר לאנען זיך אן נאר אויפ'ן אייבערשטן. מיר פארלאזן זיך און מיר גלייבן נאר אינעם אייבערשטן.

איינער זאגט מיר איין טאג: "איך בין פארגלייבט, און איך שווער זיך אין סארנא."

די ווערטער האבן מיר אזוי געקריצט אין אויער. נאכ'ן הערן אזויפיל שיעורים, קען איך נישט הערן אזעלכע ווערטער. פארגלייבט? זיך שווערן?

א איד גלייבט נישט חלילה אין "סארנא", א איד גלייבט נישט דעם דאקטער'ס מהלך אדער יענעם בעל דמיון'ס שיטה. א איד גלייבט נאר אינעם אייבערשטן און אין די ווערטער פון צדיקים.

אז עס איז גוט, גייט מען צום אייבערשטן; אז עס איז שווער, גייט מען צום אייבערשטן; און אז עס איז גאר שווער, גייט מען ווידער צום אייבערשטן.

ווי רבי נתן דערציילט, אז דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: "און אז עס איז גאר ביטער, איז מען זיך אינגאנצן מבטל." האט רבי נתן געפרעגט: "וויאזוי איז מען זיך אינגאנצן מבטל?" האט דער הייליגער רבי געזאגט: "אז מען פארמאכט דאס מויל און די אויגן, דאס איז ביטול." דאס הייסט, מען האט נישט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן, נאר מען לעבט מיט אמונה. (שיחות הר"ן, סימן רעט)

התבודדות איז אונזער מתנה, אונזער הילינג (רפואה). ווי האט יענע פרוי געזאגט: "ביי יעדן איינעם נעמט עס אנדערש; ביי איינעם קען עס נעמען אפאר מינוט, און ביי א צווייטן אפאר וואכן."

נאר דער חילוק, דער מיליאן-דאלארדיגער חילוק איז: "צו וועמען גיסטו אויס דיין ווייטאג? וויאזוי לאזסטו זיך פילן דיינע געפילן?" "אלא על אבינו שבשמים". גיס אויס דיינע געפילן, דיין ווייטאג און צער צום אייבערשטן; שמועס מיט אים נאכאמאל און נאכאמאל, און בעט אים אז דאס זאל שוין ארויסגיין פון דיר. בעט אים שכל, בינה, פארשטאנד, און דעם כח אינעם מח אריבערצוגיין דאס וואס דו גייסט דורך, און זאג אים: "אייבערשטער, נאר דו קענסט מיר העלפן, האב שוין רחמנות אויף מיר!"

בעט זיך איין ביים רופא חולי עמו ישראל, בעט דעם 'אלטימעיט הילער' (דער איינציגסטער און גרעסטער דאקטער); בעט אים פאר א שנעלע הילינג, א גרינגע הילינג, א אידישע הילינג, א רפואה פאר אונזער נפש, רוח און נשמה, אז מיר זאלן זוכה זיין מתקן צו זיין און אויפטון וואס מיר דארפן. אז מיר זאלן ענדיגן אונזער דזשורני (רייזע) אויף דער וועלט און ווערן געהיילט (און נישט דארפן ווידער אראפקומען אויף די וועלט), און צוקומען צום שלימות און צום תכלית הבריאה. בעט אים אז דו זאלסט שוין וויסן: ווער בין איך? וואס בין איך? און וואס טו איך דא?

א תלמידה דערציילט מיר פאריגע וואך אז זי איז שוין געווען ביי אזויפיל טערעפי און הילינג, און זי האט זיך פלוצלינג געכאפט אז אייגנטליך קומען אלע טערעפי און הילינג פון די תורה, נאר אינצווישן איז עס אריבער צום גוי טמא וואס האט עס גע'גנב'ט פון אונז. און יעצט קומען אפאר אידן וואס קויפן צוריק אפ אונזער אייגענע וואסער, נאר עס זענען שוין צוגעלייגט געווארן אומגעזונטע קעמיקאלן און מען ריסייקלט עס. אונזער אייגענע ברויט עסן מיר פאר געלט. אלע הילינג און אלע חכמות ליגן אין די תורה; פארוואס זאלן מיר עס נעמען נאכדעם וואס מען האט שוין אראפגענומען דעם חותם פונעם כהן גדול און מען האט שוין מטמא געווען דאס אויל?

א מיידל, א תלמידה אין בית פיגא, זאגט מיר (קלאסישע פירות פון רבינ'ס חינוך): "דער ראש ישיבה זאגט אסאך מאל 'מען זאל נישט מאכן א מציאות פון א מענטש'." זאגט זי מיר: "איך טראכט אסאך מאל אז די אלע היינטיגע טערעפי וואס מען איז אזוי אריינגעטון אין די נפש און אין דעם 'איך זוך מיך', אפשר גייט דאס אויך אריין אין כלל פון 'נישט מאכן קיין מציאות פון א מענטש' - נישט מאכן קיין מציאות פון זיך אליינס? אפשר דארף מען אביסל אויפהערן טראכטן פון זיך און אנהייבן טראכטן פונעם אייבערשטן? וואס וויל דער אייבערשטער פון מיר יעצט? נישט וואס וויל איך פון מיר, און מיר פון זיך?"

דער אייבערשטער זאל אונז שוין באלייכטן די אויגן, "והאר עינינו בתורתך", מיר זאלן וויסן אז מיר זענען א קינד פון דעם ליבן גרויסן גאט און דאס בין איך; מיין גאנצער ציל און תכלית איז צו טון רצון ה', רעדן צו אים, טראכטן פון אים און געדענקן אז דער אייבערשטער איז אלעס און אלעס איז דער אייבערשטער! דאס איז אמת'ע הילינג!




# דא האט איר א שיינע קארטל

צו באקומען ביי קרן הדפסה 718-387-2691 #104

ברסלב
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם



*sruliHeskel




ג. פעקעטע

# קאנטרי ראודס

אויפוואקסנדיג אלס קליין קינד, איז איינע פון די הויכפונקטן פונעם יאר געוועזן די רייזע ארויס צו די קאנטרי. עס איז געוועזן א זאך וואס מיר קינדער האבן ארויסגעקוקט דערויף א גאנץ יאר; איין זונטאג אינעם זומער זענען מיר ארויסגעפארן צו די בערג, באזוכן די באבעס און נאך משפחה מיטגלידער וואס האבן זיך אויפגעהאלטן אין די קאנטרי דורכאויס די זומער וואכן.

ס'איז געוועזן א לאנגע טריפ וואס מ'האט פלאנירט און ארויסגעקוקט דערויף מיט שפאנונג. שוין וואכן פאראויס האט מען געציילט די טעג און זיך געגרייט פאר דעם פריילעכן טאג. מ'האט איינגעפאקט גענוג עסן און טרינקען פאר די דריי-פיר שעה'איגע רייזע, וואס איז אלעמאל געוועזן פול מיט טראפיק צוליב "וויזיטינג דעי", וויבאלד מיר זענען דאך נישט געוועזן די איינציגסטע משפחה וואס האט זיך ארויסגעלאזט יענעם טאג צו מאכן די רייזע, צו באזוכן די נאנטע משפחה וואס ווײלן דעם זומער אין די קעמפס אדער אין די בונגאלאוס אין די קאונטרי.

מיט נאסטאלגיע טראכט איך צוריק אויף דעם לאנגן וועג. מיר קינדער פלעגן ציילן קארס און זיך פרובירן אונטערצוהאלטן מיט אלע סארט שפילן; למשל, ווער עס קען דער ערשטער זען א געס סטעישאן און אויסשרייען דעם נאמען לויט אירע אייגנארטיגע קאלירן און סימבאל, און אזוי האט מען געשטופט די צייט. איך וויל נישט רעדן וועגן די קריגערייען און די פילע סטאפס וואס מ'האט געדארפט מאכן פאר וויכטיגע געברויכן דורכאויס דעם וועג; יעדע מאל וואס מ'האט ענדליך איינגעדרימלט אדער זיך בארואיגט פון די קריגערייען צווישן צוויי

קינדער וואס האבן זיך אביסל געריבן ביים זיצן אזוי נאנט פאר אזוי לאנג.

אבער אלס קינד איז עס דאך געווען א מורא'דיגע עדוונטשער וואס מיר פלעגן ארויסקוקן דערויף, און שפעטער פלעגן מיר איבערקייען נאכאמאל און נאכאמאל די דעטאלן פון די גאנצע רייזע: ווי געשמאק ס'איז געווען, וואס מ'געדענקט דורכצופארן אויפן וועג, און אוודאי דער טאג אליין וואס מ'האט פארברענגט מיט משפחה און פריינט אין די פרישע לופט אויף די בערג.

איינע פון די סימנים אז מ'האט זיך שוין גערוקט גענוג ווייט אוועק פון די שטאט און מ'קען שוין אנהייבן טראכטן אז מ'גייט שוין באלד אפשר אנקומען, איז געווען אויפן טרו-ווע'. עס זענען געווען עלעקטריק ווייערס וואס האבן געהאנגען פון אויבן און האבן געהאט אזעלכע רויטע באליס אויף זיי.

ווען מיר זענען ענדליך אנגעקומען נאך די שטאטישע טרעפיק, דעם לאנגן NJ-17, און דעם געדרייטן עקזיט ארויס וואו מען פלעגט דורכפארן דעם שעראטאן האטעל וואס שטייט שוין היינט נישט, און מיר האבן געזען די רויטע באליס, האבן מיר זיך אלע צעזונגען דעם פריילעכן ניגון "די רויטע באליס, די רויטע באליס", אלס א סימן אז ס'איז דא האפענונג און מ'קומט שוין באלד אן.

דאן, ווען מ'איז געפארן אביסל ווייטער און מ'האט געזען די איזי-פעס, האט מען געוואוסט אז מ'האלט שוין ווייטער ווי נענטער, ביי די שטאט מאנרא. אזוי פארנדיג ווייטער אויפן 17, איז געווען שווער פאר אונז קינדער צו כאפן די מיילידזש ווי ווייט מ'איז שוין געפארן, אבער ווען מען איז אנגעקומען ביי "די קעסטל" - ווי מיינע קינדער רופן עס היינט - דעם ברעכן-פלאץ, האט מען געוואוסט אז מ'האלט זיך שוין גאר ביים דערנענטערן צו אפסטעיט, און מ'קומט שוין אט-אט אן אין די קעטסקילס.

ווי גליקליך און פריילעך איז געווען ווען מ'האט געזען די סיינס פון עקזיט 113, וואו מ'פלעגט מאכן דעם ערשטן באזוך טיף אריין אין יענעם עקזיט.

די שיינקייט פונעם געגנט דארט איז שווער אפצומאלן; ווער ס'קען זיך אויס ווייסט אז 113 איז ביי עלענוויל, וואו מ'פארט דורך א לאנגע קאנטרי ראוד מיט א שטרעקע פון הערליכע שיינע בערג אויף די רעכטע זייט און פאנאראמישע וויוס וואס זענען ממש אטעם-פארכאפנד.

ווען מיר האבן זיך ארויסגעדרייט טאקע דארט ביי יענעם עקזיט, איז שוין געווען זייער שווער איינצוזיצן נאך אזא לאנגע וועג; וויסנדיג אז מ'גייט שוין אט-אט זען באבי'ן, איז געווען נאך שווערער זיך צו האלטן געבינדן צום זיץ.

שפעטער אריין אינעם געגנט האט מען געקענט זען פארמעס וואס פארקויפן זייערע אייגענע געוואקסענע פירות, ירקות און אייער וואס האבן זיך געהאדעוועט אויף זייערע פעלדער. נאך טיפער אריין האט זיך אנגעהויבן א שווערע, געדרייטע בארג ארויף. מיר האבן זיך אלע אנגעהאלטן ביי די זייטן פון שרעק אז די קאר וועט אפשר אראפפאלן צוליב דעם טיפן אינקליין פונעם בארג.

אוי, איז די שמחה געווען גרויס ווען מ'האט ענדליך געזען דאס ווייסע הויז וואס שטייט אינמיטן וועג.

איך האף אז איינע פון די ליינערס וועלן פארשטיין וואס איך שרייב ווען איך רעד פון דעם ווייסן הויז. ווען מ'פארט ארויף יענעם בארג איז דא א קליין ווייס פארם-הויז, אן אלטע פארחרוב'טע כאטקע, וואס קוקט אויס ווי זי שטייט אינמיטן די ראוד.

לויט וויאזוי די ראוד דרייט זיך געשלענגלטערהייט און פארט ארויף אזוי שטארק גראד, קען עס אויסזעהן ווי דאס הויז שטייט אינמיטן וועג און לאזט נישט די קאר ווייטער גיין. אבער ווען מ'קומט אן אט-אט ביים ווייסן הויז, זעט מען אז ס'איז בלויז נאנט צום ראוד און מ'קען פארזיכטיגערהייט ווייטער פארן גלייך.

"אה, מ'זעט שוין דאס ווייסע הויזעלע, נאך קוים צען מינוט און מ'קומט אן," האבן מיר אלע געזונגען מיט אומגעדולדיגער פרייד.

ביי דעם עק פון יענע ראוד פלעגן געווענליך זיין ארויסגעלייגט צעטלעך אז היינט זונטאג איז דא א גאראדזש סעיל. וואס איז א גאראדזש סעיל? איך דארף עס נישט מסביר זיין; גאראדזש סעילס זענען ברייט באקאנט אין אמעריקע. די אפסטעיט גויים נעמען צוזאם אלע שמאטעס, שמאנצקעס, און זאכן אן א נאמען פון דעם הויז דורכאויס דעם גאנצן ווינטער, און אין זומער, ווען די אידן קומען באזוכן, אדער אפילו די אנדערע וואס קומען זיך לופטערן אויף די בערג און דרייען זיך דא אין די שטילע בערגיגע געגנט, לייגן די רואיגע ווינטער-לייט ארויס א צעטל אז מ'קען

קומען איינקויפן ביי זיי מורא'דיגע מציאות פאר בלויזע באבקעס.

איך געדענק אמאל דורכפארן אזא גאראדזש סעיל, און מיר האבן זיך אפגעשטעלט געבן א קוק צי ס'איז דא עפעס ווערטפול, וואס האט טאקע א ווערד בכלל צו קוקן דערויף אדער אנהייבן די שפיל פון האנדלערייען. עס זענען דארט געלעגן צעבראכענע בילבארדס, אלטע שניי-שליטנס, שטיוול פארן זומער, קעפס געאייגנט פארן ווינטער, צעבראכענע ערדענע כלים, גלאזענע גלאנציגע געהענגלעך, און אזוי ווייטער.

צווישן די גאנצע חד-גדיא פון נאמענלאזע חפצים איז ארויסגעשטאנען א בולעטין בארד, א סיין וואס מ'קען הענגען, וואס האט געהאט אויף זיך די ווערטער: "LAST STOP, CEMETERY: OUR CUSTOMERS NEVER COMPLAIN" - "לעצטע סטאפ, סעמאטערי (בית העולם) אונזערע קונים באקלאגן זיך קיינמאל".

כאטש דער ערל איז מסביר אז זיי לייגן עס ארויס ביי זייער חגא, ווען זיי באצירן זייערע הייזער מיט אלע סארט שרעקעדיגע זאכן, זענען די ווערטער דאך זייער טיף און טייער.

אז מ'טראכט אביסל אריין, האבן מיר אלע אן עקספירעישאן דעיט; מיר אלע זענען אויף א רייזע אנצוקומען צום אייביגן היים, צום עולם האמת. מיר זענען יעצט בלויז אויפן וועג, ווי מ'זאגט אין פרק: "התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין". דא אויף דער וועלט זענען מיר אויף א דזשורני זיך צוצוגרייטן אנצוקומען צו אונזער אייביגן טייל.

אפטמאל אינמיטן וועג שפירט זיך שווער, עס שפירט זיך אומאנגענעם, און מען שפירט ווי זאכן גייען נישט וויאזוי מ'וויל. און מ'קען זיך אפרעדן, מ'קען זיך אויסרעדן, אדער חס ושלום פארערדן קעגן דעם אייבערשטנ'ס פלאן. אבער ווען מ'קומט אן צום לעצטן פלאץ, ווי דער ראש ישיבה זינגט: "אין בית החיים באלד וועל איך גיין, און מיין משפחה וועט מיר לאזן דארט אליין"... דאן ענדיגן זיך אלע קשיות וואס א מענטש האט זיך נאר אמאל געלאזט מבלבל זיין מיט זיי. ווייל אין דעם עולם האמת איז דאך אלעס קלאר, אלעס איז יושר, און אלעס ווערט פארענטפערט.

א געוויסער צדיק האט געלעבט מיט אריכות ימים. ווען מ'האט אים אנגעפרעגט דערויף, האט ער געזאגט: "איך האב קיינמאל קיין קשיות אויפן אייבערשטן נישט געהאט, און דערפאר האב איך זוכה געווען צו אריכות ימים". ווייל א מענטש וואס פרעגט: "פארוואס דארף איך דאס דורכגיין? פארוואס פונקט איך? פארוואס פונקט אין מיין לעבן גייען נישט זאכן גלאטיג געשמירט וויאזוי איך וויל?", קען מען אים רופן פון אויבן און זאגן: "קום קינד מיינס, איך וועל דיר מסביר זיין פארוואס". אויבן שטימט עס, אויבן קלאפט עס, און אויבן האט עס א קלארן חשבון. נאר דא, אין דעם עולם התוהו, איז א פארמישטע וועלט; מען קען נישט פארשטיין דעם אייבערשטנ'ס חשבונות און די שיינקייט פון דעם אייבערשטנ'ס בלו-פרינט.

דעריבער, א איד וואס פרעגט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, נאר חזר'ט שטענדיג די אמונה און דערמאנט זיך אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט, און יעדע זאך פירט דער אייבערשטער מיט א השגחה עליונה און מיט א פונקטליכן פלאן - אזא מענטשן גייט עס גוט.

אזוי פלעגט זיך מיין באבע עליה השלום אלעמאל פירן. טראץ אירע שוועריגקייטן, האט זי נישט געפרעגט "למה? פארוואס?" ווי א גוי וואס פרעגט: פארוואס פונקט איך לייד? פארוואס גייט פונקט מיר שווער? פארוואס דארף איך דורכגיין נאך א נסיון? נאר זי האט אלעמאל געזאגט: "ס'איז גוט וויאזוי דער אייבערשטער מאכט," ווי א איד וואס ווייסט דעם "אשרי העם שככה לו".

זי האט זיך געשטארקט מיט אמונה און תפילה, און ווען עס איז איר געגאנגען שווער, האט זי נישט פארלוירן איר אמונה; פארקערט, זי האט געבעטן דעם אייבערשטן אז זי זאל זיך קענען דערהאלטן און אנגיין אין לעבן מיט שטארקייט, אפילו ווען עס איז געווען זייער זייער שווער.

ווייל אזוי לאנג ווי מען לעבט קען מען נישט פארשטיין דרכי השם, אבער ווען מען קומט אן אין סעמעטערי - אין בית החיים להבדיל - און מען דערגרייכט דעם עולם האמת, דאן זעט מען קלאר אז עס האט זיך געלוינט זיך צו דערהאלטן. עס האט זיך געלוינט אויסצוהערן דעם קול צדיק וואס מחזק זיין מיט "אין שום ייאוש בעולם כלל", און עס האט זיך געלוינט אויסצוווארטן די שווערע טעג. דארט אויבן האט מען שוין מער נישט קיין קשיות, מען האט מער נישט קיין טענות אדער תרעומות; דארט אויבן איז אלעס פערפעקט.

**לעילוי נשמת מיין טייערע באבע פארקאש, ריזל בת ר' חנניה יום טוב ליפא ע"ה, יארצייט י"ט תמוז.**

# Super Fluffy Sourdough

S. LEVY

## INGREDIENTS

I've had best experience using quality high gluten flour (orange and black bag)
Day one- feed your starter (I usually do it tuesday night to be able to bake the sourdough on thursday morning)
50 grams starter
150 grams water
150 grams flour

---

## DIRECTIONS

Place in a 32 oz container and mix with fork, then cover with plastic (disposable shower covers are amazing)
Leave on counter in warm spot for 7-10 hours. It should double and be full of bubbles.
This is enough starter for 4 times recipe; you can adjust according to how much you are making.

Day two: making the dough (I do up to four times the recipe at time per large bowl)
75-80 grams starter
325 grams water
Mix with fork then add
500 grams flour
Mix by hand to create dough (when making larger quantity you could do this step in bosch)
Let stand for about half hour then add:
12 grams fine sea salt and do first set of stretch and fold. Let sit on counter and do stretch and fold every half hour for total of 6 rounds.
Transfer dough onto floured surface {now is time to take challah if making large enough quantity- from about 1000 grams of flour and more}
If you made more than once recipe divide accordingly then shape and put into round bowl which you lined with paper towel. Cover with shower cap and leave on counter for 3-4 hours. Then refrigerate over night.
Day three-baking the sour dough:
Remove from fridge, pour sesame seeds or any other toppings if desired then transfer flat side down onto parchment paper or round silicon mat (available on amazon)
Score dough- cut an x about an inch into dough or whichever design you like this will let the air go out while baking.
Place into heated dutch oven. Bake covered on 475 for 26 min then uncovered on 425 for 14 min.
Freezes beautifully rewarm on 350 for 10 min!
Lekovid Shabbas Kodish!



דער ראש ישיבה בעט זיך ביי אונז כסדר מיר זאלן מאכן שיינע שבת'דיגע סעודות. אזוי ווי דער ראש ישיבה האט געשריבן פאריגע וואך אין עצתו אמונה "דער יסוד היסודות פון אוועקשטעלן א געזונטע ערליכע שטוב מיט ערליכע דורות- איז די שבת' דיגע סעודות, פארברענג מיט דיינע קינדער. און זיכער נישט זיי פארשעמען".

אמאל ביי א ליל ששי שיעור האט דער ראש ישיבה געזאגט פשט פארוואס מען דעקט צו די חלות אנהייב סעודה, ווייל פאר מען הייבט אן א סעודה זאלסטו געדענקן "פארשעם נישט".

# שרייב טישל

## טראַף די וועג

**רעגן איז א ברכה!**





## טראַף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ט | ו | נ | מ | ט | א | מ | ז |
| י | פ | כ | י | ל | ה | ר | ו | ע |
| ק | ר | א | ג | ע | ג | י | ב | ט |
| ע | א | נ | ל | ע | ח | מ | ק | צ |
| ס | ד | פ | י | ב | ר | ק | ו | צ |
| צ | ט | ק | ה | ש | י | ע | כ | ק |
| ש | ר | מ | ר | ט | ט | ע | כ | מ |
| ו | צ | ה | ה | ס | נ | ט | צ | ט |
| א | מ | י | א | ב | ג | ד | מ | ר |
| ע | ט | ו | ל | י | פ | א | ד | ע |
| ו | ו | ע | ר | נ | מ | ע | נ | ט |
| ש | ו | ק | ו | ק | ר | מ | י | ש |
| ט | ק | א | א | ה | ח | ש | ק | ר |
| ק | כ | ח | ה | ג | ח | נ | כ | ע |
| ו | י | ז | ט | י | ע | ע | ס | ב |
| ע | ו | ע | נ | ו | ס | ב | צ | י |
| ג | ס | א | ו | ו | נ | פ | ט | י |
| פ | כ | ש | ס | ו | ת | ת | ר | א |
| ק | ע | פ | א | י | ז | י | כ | י |

ווער עס גיבט נאך און ער קריגט זיך נישט, אפילו ווען ער איז גערעכט - העלפט אים דער אייבערשטער און מען געבט אים נאך וואס ער דארף.

*(עצתו אמונה שמות תשפ"ב)*


קינדער
היים
יארצייט:
חרטה
געהאט
פארן
פארשעמען

כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

# משפחת גליק

## דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס שְׁלָאפְט נִיט

מענְדִי דֶערְצֵיילְט:

איך וִויל עֶנְק מִיטְטֵיילְן עֶפֶּעס וָואס בֶּאֱמֶת שֶׁעמֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְמִיט, אָבֶער אִיךְ מַיין עֶנְק וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען אָפְּלֶערְנֶען אַ שֵׁיינֶע לִימוּד.

דִי מַעֲשֶׂה רֶעד אִיךְ פוּן שְׁלָאפְן גֵיין.

וֶוען עֶס וֶוערְט בְּעֶרֶךְ אַכְט אַזֵייגֶער פַארְנַאכְטְס, שִׁיקְט מִיר מַיין מַאמֶע זִיךְ אָנְטוּן נַאכְט קְלֵיידֶער אוּן פּוּצְן מַיינֶע צֵיין. אִיךְ פָאלְג אִיר אַלֶעמָאל בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן. דֶערְנָאךְ קוּשׁ אִיךְ דִי מְזוּזָה אוּן אִיךְ לֵיין עֶרְלִיךְ קְרִיאַת שְׁמַע.

אָבֶער אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַארְוָואס, יֶעדֶע נַאכְט אִיז דִי יֵצֶר הָרָע מִיר גֶעקוּמֶען אַיינְרֶעדְן תֵּירוּצִים פַארְוָואס אִיךְ זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן בֶּעט. אֵיין נַאכְט הָאבְּן מַיינֶע צֵיין פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויי טוּן. אַן אַנְדֶערֶע נַאכְט הָאט מַיין פוּס שְׁטַארְק גֶעקְרַאצְט. אַ דְרִיטֶע נַאכְט הָאט מַיין הַאנְט גֶעצִיפְּט.

אַזוֹי הָאט אוֹיסְגֶעזֶען מַיין שְׁלָאפְן גֵיין. מַיין טַאטֶע שִׁיקְט מִיר אַרַיין אִין בֶּעט אוּן אִיךְ קוּם אַרוֹיס.

עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אִיבֶּערְחַזְרְ'ן אַפָּאר מָאל.

יֶעדֶע נַאכְט פְלֶעגְט מִיר מַיין טַאטֶע דֶערְמַאנֶען, מֶענְדִי, מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע. אַז אַ טַאטֶע הֵייסְט אַרַיינְגֵיין אִין בֶּעט, דַארְף מֶען פָאלְגְן. אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ קוּם אַרוֹיס פוּן בֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז אַן אֱמֶתְ'עֶ סִיבָּה. אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת גֶעטְרַאכְט אַז מַיין צֵיין אָדֶער פוּס אָדֶער הַאנְט טוּט מִיר טַאקֶע וֵויי.

אֵיין נַאכְט, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן בַּיים אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן בֶּעט, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ. אֵיין מִינוּט! וָואס גֵייט דָא פָאר? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ וואוֹילֶע יוּנְגֶל וָואס פָאלְגְט וָואס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק פָאלְגְן מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

אָהָ, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי שׁוֹין. גָארְנִישְׁט טוּט מִיר אֲפִילוּ וֵויי. עֶס אִיז נָאר דִי שְׁלֶעכְטֶע יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל אִיךְ זָאל נִישְׁט פָאלְגְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע. וָואס זָאל אִיךְ טוּן? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גִיבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה. פְּלוּצְלִינְג אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן אַ פְּלַאן.

פוּן יֶענֶע טָאג אָן, נָאכְן קִישְׁן דִי מְזוּזָה פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין, הָאבּ אִיךְ צוּגֶעלֵייגְט מַיין אֵייגֶענֶע תְּפִלָּה. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אִיךְ זָאל

ח. צ. גליק

אַלֶעמָאל פָּאלְגְן טַאטֶע און מַאמֶע, און נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען פון בֶּעט.

עֶנְק מֵיינֶען עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרִינְג? דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר נֶעכְט הָאט דִי יֵצֶר הָרָע פְּרוּבִּירְט מִיר אֵיינְצוּרֶעדְן אִיךְ זָאל נִישְׁט פָּאלְגְן. אָבֶער שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פון אִים. בִּשְׁעַת אִיךְ לִיג אִין בֶּעט, און אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ וִויל שׁוֹין אַרוֹיסְקוּמֶען פון בֶּעט, זָאג אִיךְ נָאכְאַמָאל מַיין קְלֵיינֶע תְּפִלָּה. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אִיךְ זָאל אַלֶעמָאל פָּאלְגְן טַאטֶע און מַאמֶע.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צו גוּט נוּצְן דִי צַייט וָואס אִיךְ לִיג אִין בֶּעט וֶוען אִיךְ פְּרוּבִּיר צו אַיינְשְׁלָאפְן. אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי שְׁלָאף אִיךְ אֵיין אִין אַ גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע שְׁלָאף.

עֶנְק קֶענֶען עֶס פְּרוּבִּירְן.



# יאָרצייט

דער הייליגער

## אור לשמים

זי"ע

יארצייט:
י"ח תמוז

**דֶעם קוּמֶענְדִיגְן פְרַייטָאג גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֵאִיר הַלֵּוִי רָאטֶענְבֶּערְג זצ"ל, וֶועלְכֶער הָאט גֶעשְׁרִיבְן דֶעם סֵפֶר "אוֹר לַשָּׁמַיִם".**

זַיין רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין (וֶועלְכֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ לֵוִי) הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "מִיר גֶעדֶענְקֶען אִים נָאךְ אַלְס לֵוִי בַּיים זֵיידְן לֵוִי בֶּן יַעֲקֹב!" אָן אַנְדֶערֶע מָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען אִים נָאךְ פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; מִיר זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אֵיינֶער נֶעבְּן דֶעם צְוֵויטְן אוֹיפְן דוּכָן."

זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶר הָאט קַיין אֵיין רֶגַע נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זַיין רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה, הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי אַרְיֵה לֵיבּוּשׁ זצ"ל (דֶער פָאטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זצ"ל): "אִיךְ הָאבּ דְרֵיי תַּלְמִידִים וָואס פַארְגֶעסְן נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קַיין אֵיין רֶגַע: דָאס זֶענֶען רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע זִידִיטְשׁוֹבֶער, רֶבִּי קַלְמָן נֵיישְׁטַאטֶער, אוּן רֶבִּי מֵאִירְ'ל סְטָאבְּנִיצֶער."

דֶער וֶועג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז אַז אַ אִיד דְרֵייט זִיךְ בַּיי צַדִיקִים אוּן הֶערְט זֵיי אוֹיס, אַזוֹי וֶוערְט עֶר אַלֵיין אַ צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער "אוֹר לַשָּׁמַיִם" הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט בַּיי אַסַאךְ צַדִיקִים, צְוִוישְׁן זֵיי זַיין רֶבִּי, רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ הֶעשִׁיל פוּן אַפְּטָא (דֶער "אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל"), וֶועמֶען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט דִי רַבָּנוּת.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע רִימִינָאוֶוער, דֶעם "אִיד הַקָּדוֹשׁ" פוּן פְּשִׁיסְחָא, אוּן בַּיים הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זצ"ל.

## נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צַדִיק

דֶער "אוֹר לַשָּׁמַיִם" אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אָרִימֶער מֶענְטְשׁ, אוּן לוֹיט זַיינֶע קְלֵיידֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר נָאכְגֶעלָאזְטֶער אִיד.

אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין לוּבְּלִין בַּיי זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה בַּיים זִיךְ טוֹבֵל'ן אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטוֹבֵל'ט פִילֶע מָאל.

אִינְמִיטְן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַן עוֹשֶׁר, אַ בַּעַל גַּאֲוָה, וָואס הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם אִיד מִיט שְׁפָּאט. עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז סְתָּם אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אָרִימַאן אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, "וָואס מַאכְט אַזַא פָּשׁוּטְ'ע אִיד, אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת?"

דֶער עוֹשֶׁר, וֶועלְכֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ (וַוייל אַן עֶרְלִיכֶער אִיד שְׁפֶּעט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, קַיין חִילוּק צִי יֶענֶער אִיז אָרֶעם אָדֶער רַייךְ, אָדֶער צִי עֶר אִיז דַיין חַבֶר אָדֶער נִישְׁט), הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפֶּעטְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען ר' מֵאִיר הַלֵּוִי.

דֶער צַדִיק אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן, אָבֶּער עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעשֶׁען אַ גְרוֹיסֶע צָרָה פַאר דֶעם עוֹשֶׁר אוּן עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט.

דֶער אִיד, וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין לוּבְּלִין, אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אַז עֶר דַארְף אַ יְשׁוּעָה. דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אִים גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז גֶעשֶׁען וַוייל דוּ הָאסְט פַארְשֶׁעמְט אַ צַדִיק; עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וָואס דוּ וֶועסְט אִים קֶענֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן."

דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

אַפָּאר יָאר שְׁפֶּעטֶער, וֶוען ר' מֵאִיר הַלֵּוִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ רָב, אִיז עֶר אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה.

דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען אִים שׁוֹין אָפְּגֶעגֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

וֶוען דֶער עוֹשֶׁר הָאט אִים דֶערְזֶען, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶע'חַלֶשְׁ'ט. עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז דָאס אִיז דֶער רָב וֶועמֶען עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט.

עֶר אִיז שְׁנֶעל צוּגֶעלָאפְן אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. רֶבִּי מֵאִיר הַלֵּוִי הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען, אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אוּן וַוייטֶער הָאט דֶער עוֹשֶׁר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ וֶוערְן אַן עוֹשֶׁר אוּן זַיין הַצְלָחָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שַׁיינֶען.

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד, אוּן אַוודַאי אַ צַדִיק אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִין פִּרְקֵי אָבוֹת זָאגְן מִיר: ״וֶהֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן שֶׁלֹּא תִכָּוֶה, שֶׁנְּשִׁיכָתָן נְשִׁיכַת שׁוּעָל, וַעֲקִיצָתָן עֲקִיצַת עַקְרָב, וּלְחִישָׁתָן לְחִישַׁת שָׂרָף, וְכָל דִּבְרֵיהֶם כְּגַחֲלֵי אֵשׁ״. מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חַס וְשָׁלוֹם פַארְשַׁאפְן צַעַר, עַגְמַת נֶפֶשׁ אָדֶער חֲלִישׁוּת הַדַעַת פַאר אַ צַדִיק, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִדוֹת: ״הַצַּדִּיק יָכוֹל לְעַנֵשׁ אֶת הָאָדָם בְּמִיתָה, אֲפִילוּ עַל יְדֵי חֲלִישׁוּת דַּעְתּוֹ, אֲפִילוּ בְּטָעוּת״. מֶען בַּאקוּמְט אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף אוֹיבּ מֶען מַאכְט צַעַר פַאר אַ צַדִיק אֲפִילוּ בְּטָעוּת.

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֵוייטוּן קַיין שׁוּם אִיד, אוּן אַוודַאי נִישְׁט קְרִיגְן אוּן וֵויי טוּן קַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן צַדִיקִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַאכְן אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן וֶוערְן עֶרְלִיךְ.

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**



# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער











**שכח אייבערשטער פאר
די געשמאקע זומער**



# מיט תפלה






געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט געטומען פון "קול ברסלב". לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.